# פרשת שופטים כ"ו אב - ב' אלול תש"פ לפ"ק

***יום ראשון פרשת שופטים***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **ברוך צבי הארענשטיין** הי"ו, (חתן הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א דומ"ץ בית מדרשנו בוומסב"ג), שהתקיים בשכונת הארמענ"י היל"ס. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וקריאת השם.

אחר הברית כתב **רבינו שליט"א** אות בהספר תורה שנכתבה על ידי הר"ר **אליעזר קליין** הי"ו. אחר כך הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים הגיע **הרה"ג רבי חיים מאיר האגער שליט"א** (בן מחותנו כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א) להזמין את **רבינו שליט"א** לשמחת הבר מצוה של בנו בשעטומ"צ.

אחר כך נכנסו אצל **רבינו שליט"א** חברי הוועד שעל ידי קהלתנו הק' (הר"ר **יוסף לעפקאוויטש** הי"ו, הר"ר **יעקב יוסף לעפקאוויטש** הי"ו, הר"ר **וואלף שפיערער** הי"ו) המאוגדים בחברת 'יחדיו ירננו' שעל ידי קהלות הקודש בארה"ב לצמצום הוצאות החתונה. ודיברו למשך זמן אודות כמה הצעות לרווחת הציבור לצמצם הוצאות המרובות שעלו למעלה ראש בשמחת הצאצאים ושבע ברכות וכו'.

*

***יום שני פרשת שופטים***

אחר תפלת שחרית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל היארצייט של חותנו **הגה"צ רבי משה מרדכי פאללאק זצ"ל אבדק"ק וואדקערט** בעמח"ס **פרי משה**.

***וזה תוכן השיחה:***

**מיין** שווער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, ער איז געווען א תלמיד פון זיין פעטער דער **מהרש"ג**, דער **סעמיהאי'ער רב**. זיין פאטער איז געווען רב אין וואדקערט ביז תש"א, דריי יאר פאר די קריג, און ער האט איבערגענומען דעם פאטער'ס פלאץ. ווען זיין פאטער איז אוועק, איז געווען דין ודברים אין די קהלה, צו מען זאל אויפנעמען דעם זון, צו נישט. זיין רעבעצין איז נישט געווען געזונט, און אטייל האבן גע'טענ'ט אז מען דארף האבן א רעבעצין אויך. מען קען נישט אויפנעמען א רב אליין, אן א רעבעצין. און

דער **סאטמארער רב** איז געקומען צו פארן צו די לויה. פון סאטמאר ביז וואדקערט איז א היפשע פאר שעה צו פארן, אזוי ווי פון דא קיין מאנטריאל. און ער האט פארלאנגט פון קהל אז מען זאל נישט קוקען דערויף, און מען זאל אויפנעמען דעם זון. זיין פאטער איז אוועק פרשת שלח, און דער **סאטמארער רב** האט געזאגט אינעם הספד, אז ביי די מרגלים שטייט, אז זיי זאלן קוקען היש בה עץ אם אין, והתחזקתם ולקחתם מפרי הארץ (במדבר יג-כ). רש"י זאגט, היש בה עץ, אויב עס איז דא א אדם כשר. האט דער סאטמארער רב געזאגט, 'היש בה עץ', יעדע שטאט דארף האבן א עץ, 'ואם אין', טאמער דער תלמיד חכם גייט אוועק, 'והתחזקתם ולקחתם מפרי הארץ', דארף מען נעמען פון די פירות פונעם עץ. אזוי האט ער דעמאלטס געזאגט ביים הספד.

**מיין** שווער האט איבערגעלעבט די קריג, אבער ער האט פארלוירן די בני בית, און די קינדער. און ער האט נאכאמאל חתונה געהאט, און ער האט געהאט צוויי קינדער, און ער איז אוועק ממש אפאר יאר נאכדעם תש"ט. מיין רעבעצין איז די עלטערע, און איר ברודער איז שוין געבוירן נאך דעם, ווען ער איז שוין נישט געווען אויף דעם עולם. ער הייסט שוין נאך אים. נסתרות דרכי ה'. עס איז שוין איין און זיבעציג יאר.

*

**היינט** איז אויך די יארצייט פון **רבי הערשעל'ע ספינקער זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**. איך פארציייל אלץ, אז בעפאר איך בין געווארן רב דא אין וויען, בין איך געווען ביי אים, און ער האט מיר געזאגט, אז ער האט א גרויס הנאה אז איך ווער דא רב. האט ער געזאגט, נאך די קריג ווען איך בין נאך געווען א יונגערמאן, פלעג איך אסאך אריינצוגיין צו **רבי יונתן שטייף** אין שטוב, ער האט געהאט אסאך ספרים, און אויב מען האט גענדארפט עפעס זוכען, האט מען געקענט דארט טרעפן. ער האט יעדן שיין אויפגענומען, און מקרב געווען. ער איז געזעסן אין שטוב און געלערנט, און איך האב זיך געקענט ארומדרייען אין שטוב און קוקען די ספרים וואס איך האב גענדארפט. האט ער געזאגט, איך האב אים געהערט קרעכצן בשעת'ן לערנען, און זייט דעם **חקל יצחק** האב איך נישט געהערט א יוד זאל אזוי

קרעכצן, האב איך פארשטאנען אז ער איז א אדם קדוש, און איך האב אייביג געוואוסט, אז די קהלה וועט נאך מוזען זיין א חסידי'שע קהלה. און איך האב הנאה אז איר ווערט רב.

**זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל.**

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **ברוך טעסלער** ע"ה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל עצרת התעוררות לכלות השלשים של הרבנית מאנדלאוויטש ע"ה (אשת הרה"ג רבי **חיים אלעזר מאנדלאוויטש** שליט"א, בתו הבכירה של כ"ק **הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**), שהתקיים בבית המדרש סערדאהעלי, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, כי ימצא חלל באדמה אשר ה' אלקיך נותן לך לרשתה נופל בשדה, ווען מען וועט טרעפן א חלל, א מת וואס מען האט אים געה'רג'עט, לא נודע מי הכהו, מען ווייסט נישט ווער עס האט אים געשלאגן, ויצאו זקניך ושופטיך, און זיי זאלן מודד זיין צו דעם עיר וואס איז קרובה אל החלל, און מען דארף ברענגען א עגלה ערופה. וענו ואמרו, די זקני העיר האבן זיך געוואשן די הענט און זיי האבן געזאגט, ידינו לא שפכו את הדם הזה, אונז האב מיר נישט פארגאסן די בלוט, ועינינו לא ראו, אונז האב מיר נישט געזעהן. כפר לעמך ישראל אשר פדית ה', זיי מכפר פאר דעם פאלק וואס דו האסט אויסגעלייזט, ואל תתן דם נקי בקרב עמך ישראל, ונכפר להם הדם (דברים כא-א). רש"י זאגט, הכתוב מבשרם, עס איז א בשורה, שמשעשו כן, אז אויב מען האט געטון וואס די תורה האט געזאגט, יכופר להם העון, וועט נתכפר ווערן דער עון.

**רש"י** שטעלט זיך אויף ידינו לא שפכו את הדם הזה, וכי עלתה על לב שזקני בית דין שופכי דמים הם, זיי דארפן זאגן ידינו לא שפכו, אז מיר האבן נישט גע'הרג'עט. עס איז עפעס א הוה אמינא אז זיי האבן גע'הרג'עט דעם חלל וואס מען האט געטראפן? אלא לא ראינוהו ופטרנוהו בלא מזונות ובלא לויה, זיי האבן געזאגט, מיר האבן נישט קיין חלק אין דעם. אפשר איז ער געשטארבן ווייל מען האט אים נישט באגלייט, און ער האט נישט געהאט וואס צו עסן. אונז האב מיר געטון פון אונזער זייט אלעס וואס מען האט געקענט.

**איך** וועל נישט אריין גיין אין קיין דקדוקי דברים. מען איז זיך צוזאמגעקומען צו די שלשים פון די אשה צדקנית, א נפש נקיה וטהורה, א ריינע נפש, וואס האט זיך אויסגעארבעט פאר זיך, און האט מזכה געווען רבים, מדריך געווען אזויפיל הונדערטער און אפשר טויזענטער יודישע טעכטער אויפן דרך ה'. פריוואט אין איר לעבן האט זי זיך געפירט ווי א אשה וואס טוט אלעס אין שטוב ווי עס דארף צו זיין, צוצוהעלפן אז דער מאן זאל קענען זיצן און לערנען. עטרת תפארת בעלה, דאס איז די פליכט פון א אשה, זעהן צוצוהעלפן אז דער מאן זאל קענען זיין אפגעזונדערט אויף תורה און עבודת ה'. אזויפיל יארן האט זי צוגעהאלפן פארן מאן ער זאל קענען לערנען, גענומען אויף זיך דעם עול הפרנסה, כדי ער זאל נישט געשטערט ווערן פון לערנען, אים מכבד געווען ממש ווי א מלך. דאס איז געווען אין שטוב. אויסער דעם, די זיכוי הרבים וואס זי האט געהאט. אזויפיל ערליכע טעכטער אויפגעשטעלט, זי איז געווען א מנהלת אין מערערע מוסדות, געלערנט יודישע טעכטער צניעות, איידלקייט, ערליכקייט, וואס האט איבערגעלאזט א געוואלדיגן רושם, וואס דורך איר זענען הונדערטער שטובער אויפגעשטעלט געווארן על דרכי ה'.

**בשעת** שלמה המלך האט געוואלט רומען זיין מאמע, האט ער געשטעלט א גאנצן מזמור אין סוף פון משלי, אשת חיל מי ימצא, ורחוק מפנינים מכרה, בטח בה לב בעלה, ושלל לא יחסר (משלי לא-י). דער פשוטער פשט איז, אז אזא אשת חיל אזוי ווי זיין מאמע איז געווען, מי ימצא, ווער קען טרעפן נאך אזאנס. ורחוק מפנינים מכרה, ווען מען זאל איר ווען פארקויפן, און פרעגן די ווערד וויפיל זי איז ווערד, איז זי נאך מער ווערד פון פנינים. ורחוק מפנינים מכרה, ווען מען זאל אפשאצן וואס די אשת חיל איז, איז זי מער ווערד פון א גרויסע אוצר פון געלט. בטח בה לב בעלה, ושלל לא יחסר, אזא ערליכע יודענע קען זיך דער מאן פארלאזן אויף איר, זי טוט אלעס אין שטוב ווי עס דארף צו זיין, און ער איז פריי צו זיצן און לערנען און דינען דעם אייבערשטען.

**ער** רופט איר אן א אשת חיל. מען געפונט ביי משה רבינו, ווען ער האט געדארפט נעמען די סנהדרין וואס דער אייבערשטער האט אים געזאגט אז זיי זאלן אים צוהעלפן פארן כלל ישראל, האט ער געזוכט אנשי חיל (שמות יח-כא). די תורה הק' ווערט נקנית במ"ח דברים, אזוי שטייט אין די משנה (אבות ו-ו), אכט און פערציג מעלות דארף מען האבן, אז מען זאל קענען צוקומען צו די שפיץ פון תורה. חי"ל דאס איז מ"ח. אנשי חי"ל נישט נאר סתם א תלמיד חכם, נישט נאר זיי זאלן קענען סתם לערנען, נאר זיי זאלן האבן אין זיך די אלע מדות טובות וואס פארלאנגט זיך אז מען זאל קענען צוקומען צו די שפיץ פון תורה, דאס איז אנשי חי"ל. און א אשת חי"ל איז, אזא אשה וואס העלפט צו אז דער מאן זאל קענען צוקומען צו דעם חי"ל, ער זאל קענען צוקומען אז ער זאל קענען שטייגן אין תורה און עבודת ה'. און דאס איז זי געווען, אשת חיל מי ימצא, וואו געפונט מען נאך אזא אשה פון א תלמיד חכם, וואס זאל צוהעלפן צום מאן, אז עס זאל זיין בטח בה לב בעלה.

*

**ורחוק** מפנינים מכרה, זי איז געווען זייער ווייט פון פנינים. געוועגליך, דער סדר איז דאך, נשים האבן תכשיטים, וואס מען איז זיך מקשט דערמיט, מען איז נאנט צו די פנינים וואס מען האט. זי איז געווען זייער ווייט פון די פנינים, כמעט נישט אנגעטון קיין תכשיטים נאר לכבוד שבת און יום טוב. ורחוק מפנינים מכרה, זי איז געווען זייער ווייט פון די פנינים.

**און** נישט נאר פאר זיך אליין האט זי זיך אזוי געפירט, אז מען דארף זיין אפגעזונדערט פון עולם הזה, און קוקן אויפן תכלית פונעם לעבן פונעם מענטש אויף עולם הבא, נאר מכרה, דאס האט זי פארקויפט פאר אנדערע אויך. דעם רחוק מפנינים, אז מען זאל נישט זיין ארייגעטון אין עולם הזה, מכרה, דאס איז געווען די זאך וואס זי האט פארקויפט פאר אנדערע, נישט צו ליגן אין עולם הזה, נאר זיך צוצוגרייטן אויפן עולם הבא.

*

**די** משנה (אבות ו-י) זאגט דאך, אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות, מען נעמט זיך גארנישט מיט פונעם עולם הזה. נישט קיין כסף, נישט קיין זהב, די עיקר קנינים פונעם מענטש איז, זיך צוצוגרייטן אויפן עולם הבא. מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת (עבודה זרה ג.). עס קומט א צייט וואס מען לאזט אלעס איבער דא אויף די וועלט, און מען דארף זיך צוגרייטן אויף יענע וועלט, דארט זאל מען האבן וואס מען דארף. די גמרא (כתובות סז:) רופט עס אן אורחא רחיקתא, מען דארף גיין אויף א ווייטן וועג, און ווען מען גייט אויף א ווייטן וועג דארף מען זיך צוגרייטן עסן, וואס מען זאל דארט האבן. דאס איז דער תכלית פונעם לעבן פון דעם מענטש, זיך צוצוגרייטן אויף די וועלט, אז מען זאל האבן דארטן. אז ווען מען וועט איבערלאזן אלע הבלי עולם הזה, זאל מען האבן מיטגענומען מיט זיך די זאכן וואס מען דארף האבן אינעם עולם הבא.

**די** אשת חיל, וואס איז זוכה צו דינען דעם אייבערשטען, וואס רחוק מפנינים מכרה, וואס זי איז ווייט פון די פנינים, די טוט זיך איינקויפן, אז ווען מען וועט זיין רחוק מפנינים, ווען מען וועט אוועקגיין פון די וועלט, און מען וועט זיין רחוק פון די פנינים, מכרה, דעמאלטס נעמט זי זיך מיט וואס זי האט איינגעקויפט אויף די וועלט. עס איז אין מלוין לו לאדם נאר תורה ומעשים טובים בלבד, דאס איז וואס עס טוט באגלייטן פארן מענטש, ווען מען שטייט שוין ווייט פון די פנינים, דעמאלטס זאל מען האבן וואס מען דארף צו האבן. וואס דאס איז די עבודה פון א יוד אויף די וועלט, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין (אבות ד-טז), זיך צוצוגרייטן אין דעם פרוזדור אז מען זאל קענען צוקומען אינעם טרקלין.

*

**לא** תירא לביתה משלג, כי כל ביתה לבוש שנים. אין מדרש (תנחומא ראה יג) שטייט, אל תקרי שנים אלא שנים, דער מדרש רעכענט אויס כמה מצות פון די תורה וואס מען האט גערופן מיט צוויי ערליי לשונות. עס איז דא א מענטש וואס לעבט נאר פאר זיך, ער זאל זיין ערליך, און זיין שטוב זאל זיין ערליך, עפעס אנדערש אינטערסירט אים נישט, ער גיט זיך נישט אפ מיט קיין זיכוי הרבים, מזכה צו זיין אנדערע. נאכדעם איז דא א מענטש וואס גיט אוועק פון זיך, ער קוקט נישט אויף זיך וואס ער דארף צו האבן, ער קוקט נאר וואס ער קען צוטון פאר

אנדערע, מזכה זיין את הרבים. וואס דער זיכוי הרבים איז דאך א געוואלדיגער זכות, ווייל א מענטש איז דאך באגרעניצט וויפיל מען קען טון פאר זיך אליין. אבער וואס מען קען מזכה זיין את הרבים, וואס מען קען צוהעלפן אז אנדערע זאלן דינען דעם אייבערשטען, נעמט מען דאך מיט מיט זיך מצוות ומעשים טובים פון צענדליגער און הונדערטער שטובער וואס מען האט מחנך געווען. לא תירא לביתה משלג, זי דארף נישט מורא האבן פונעם גיהנם של שלג (עיין זוה"ק ח"א רלח:), כי כל ביתה, ווייל איר גאנצער שטוב איז, לבוש שנים, זי האט נישט געלעבט פאר זיך, עס איז געווען שנים, ביי יעדע זאך האט מען אינזין געהאט א צווייטן.

**מען** האט שוין פריער ארויסגעברענגט, סיי אין משפחה לעבן איז זי געווען אזוי נאנט צו יעדן איינעם, זיך משתתף געווען ביי יעדע שמחה. ווי שווער עס זאל נישט זיין, איז מען געווען, און מיטן גאנצן הארץ האט מען מיטגעהאלטן, מחזק צו זיין אנדערע. און ווען עס איז געקומען צו זיכוי הרבים, צו לערנען מיט יודישע קינדער, איז געווען ביי איר לבוש שנים, עס איז געווען אירע לבושים שתים, פון זיך אליין, און פון דעם וואס מען האט מזכה געווען אנדערע.

*

**דער** נביא (ישעיה מ-א) זאגט, נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם, דער אייבערשטער וועט טרייסטן יודען, דברו על לב ירושלים וקראו אליה, כי מלאה צבאה, כי נרצה עונה, כי לקחה מיד ה' כפלים בכל חטאתיה, יודען האבן אפגענומען דאפעלט פאר די עבירות וואס זיי האבן געטון. דער מדרש (איכ"ר א-נז) זאגט דעם לשון דערויף, לקתה בכפלים. און די נחמה וועט אויך זיין בכפלים, נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם. וואס מיינט עס לקחה מיד ה' כפלים בכל חטאתיה, אז זי האט גענומען דאפעלט פאר אירע חטאים. דער אייבערשטער גיט נישט קיין דאפעלט. ווען דער אייבערשטער איז מעניש, איז ער מעניש יעדן מענטש אויף די האר וויפיל עס קומט אים. א מענטש ליידט נישט קיין איין טראפ צער מער פון וויפיל עס איז זיך אים געקומען, און אלעס איז אויסגערעכענט במדה ובמשקל, וואס עס דארף אויף אים אדורכגיין, סיי אין פרטיות יעדער יוד, און סיי דער כלל ישראל. דאס אז דער אייבערשטער שטראפט אויף די חטאות, דאס ווייסט מען, דער אייבערשטער איז נישט קיין וותרן, און מען גיט אפ דין וחשבון אויף וואס מען טוט. אבער לקחה מיד ה' כפלים בכל חטאתיה, פארוואס קומט זיך דאפעלט. און עס איז לקתה בכפלים, און שפעטער איז די נחמה בכפלים.

**עס** איז דא צוויי ערליי אופנים וואס א מענטש גייט אמאל אדורך א צער. ל"ע אז איינער איז נישט געזונט, און דער דאקטער זאגט אים, אז ער דארף האבען א אפעראציע, און די אפעראציע איז פארבינדן מיט אסאך ווייטאגען, פון דעסטוועגן דאך איז ער גרייט עס אנצונעמען, און ער איז גרייט אויף זיך צו נעמען דעם צער. און נישט נאר ער איז גרייט צו נעמען אויף זיך דעם צער, נאר ער באצאלט נאך דערפאר, ער גיט נאך פאר דעם דאקטער געלט, אז דער דאקטער זאל אים אפערירן. פארוואס, ווייל ער ווייסט אז דער צער איז טאקע א צער, פיזיש וועט אים וויי טון די אפעראציע וואס ער דארף אדורכגיין, אבער די תועלת דערפון וועט זיין נאכדעם זייער גרויס. שפעטער וועט ער קענען לעבן, ער וועט זיין א נארמאלער געזונטער מענטש. ווען ער גייט אדורך די אפעראציע, ווי ווייט עס זאל אים וויי טון, טוט אים נאר וויי די עצם פיזישע זאך וואס ער גייט אדורך א צער, אבער אינעווייניג אין הארץ האט ער נישט קיין צער אויף וואס ער גייט אדורך, ער איז צופרידן אויף וואס ער גייט אדורך, און ער איז פרייליך אז ער איז אנגעקומען צו די אפעראציע, און ער וועט באלד אדורכגיין די אפעראציע, און נאכדעם וועט ער קענען זיין צוריק בשלימות. קומט אויס, אז דער צער איז נאר א חיצוניות'דיגע צער, עס טוט אים וויי פיזיש, אבער אינעווייניג אין זיך האט ער נישט קיין צער.

**ווען** עס קומט ח"ו א פיינט און שלאגט יענעם, איז עס א דאפלטער צער. עס טוט אים וויי די קלעפ וואס ער האט באקומען, און עס טוט אים וויי פארוואס האב איך עס באקומען. ער האט נישט קיין שום תועלת פון דעם צער. איז דער צער סיי א חיצונית'דיגער צער, און עס איז א פנימיות'דיגער צער.

**יודישע** קינדער זענען דאך מאמינים בני מאמינים, מיר גלייבן אז אלעס איז אנגעשריבן פון אויבן, אלעס איז מיט א מדה ומשקל פאר יעדן איינעם. דאס איז

ניט קיין שלעכטס וואס דער אייבערשטער טוט, מאתו לא תצא הרעות, עס איז נישט דא נאך אזא קל מלך נאמן ורחמן, ווי דער רבונו של עולם. מיט דעם וואס יודישע קינדער זענען מקבל אלעס מיט א פריילִיכקייט, חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה (ברכות ס.), די רעה איז טאקע א רעה, אבער עס איז א אפעראציע, ער גייט עס אדורך, און ער דאנקט דעם אייבערשטען. עס איז מטהר די עונות, עס איז ממרק חטאים, עס איז מזכך דעם גוף, אלעס וואס דער אייבערשטער ברענגט.

**אבער** טאמער דער דור פארשטייט נישט די תועלת דערפון, און מען כאפט נישט אז דאס איז א זאך וואס מען האט באקומען פונעם אייבערשטען, אז עס איז געקומען מיד ה', איז די ווייטאג ביים מענטש א דאפעלטער ווייטאג. עס טוט אים וויי די עצם צער אליין, און פארוואס גיי איך עס אדורך. סיי אין חיצוניות טוט עס אים וויי, און סיי בפנימיות טוט אים וויי פארוואס עס איז זיך אים געקומען. על מה תכו, ווען א מענטש ווייסט נישט פארוואס ער איז געשלאגן געווארן, עוד תוספו סרה (ישעיה א-ה), דאס איז א דאפעלטע ווייטאג. סיי די קלעפ וואס ער האט באקומען, און סיי דאס וואס ער פארשטייט נישט דעם תועלת פארוואס ער האט עס באקומען.

**מען** האט פריער גערעדט, מיתת צדיקים איז מכפר (מועד קטן כח.). דער מקור דערפון איז ביי א אשה, ביי מרים, פון דארטן לערנט מען עס אראפ. למה נסמכה מיתת מרים צו די פרשה פון פרה אדומה (במדבר כ-א), מה פרה אדומה מכפרת, אף מיתת צדיקים מכפרת. עס איז א ווייטאג, עס איז א בראך, ווען עס איז דא מיתת צדיקים, אבער טאמער ווייסט מען, אז עס איז געגעבן געווארן פאר אונז, כדי צו ממרק זיין אונזערע חטאים, עס זאל אונז אויפוועקן אביסל. אזוי ווי מען האט פריער געהערט תדאג כל החבורה (שבת קו.), ווער עס האט געהאט א שייכות זאל דואג זיין. אפשר האב איך א חלק דערין, אפשר איז עס געקומען ממרק זיין א זאך וואס עס איז מיין חטא געווען, און זי איז געווען דער קרבן ציבור דערויף, וואס מען האט איר אוועקגענומען. ווען א מענטש גלייבט באמת, אז וואס דער אייבערשטער טוט, איז אויסגערעכנט, און אז עס פאסירט א זאך, איז נישט אז עס האט פאסירט, נאר עס איז מיט א חשבון פון הימל, דעמאלטס איז די ווייטאג נאר א חיצונית'דיגער ווייטאג, אבער אינעווייניג גלייבט מען, אז עס קומט פונעם רבונו של עולם.

**ווען** עס איז געווען דער חורבן פונעם בית המקדש, וואס יודען זענען אזוי נתרחק געווארן פונעם אייבערשטען, מען האט באקומען קלעפ, און מען האט אפילו נישט געוואוסט פארוואס מען באקומט די קלעפ, עס האט נישט מעורר געווען יודען אז זיי זאלן צוריקגיין און דינען דעם אייבערשטען, איז כי לקחה מיד ה' כפלים בכל חטאתיה, עס איז געווען א דאפעלטער קלאפ וואס זיי האבן באקומען. די עצם צרה וואס איז געקומען איז א צרה, און אז מען פארשטייט נישט די סיבה פארוואס די צרה איז געקומען, איז עס אויך א פנימיות'דיגע ווייטאג. און דאס איז געווען דער לקחה מיד ה' כפלים בכל חטאתיה. אויב מען איז נישט משיג צו פארשטיין דער חסד וואס עס קומט ארויס דערפון, איז עס כפליים. און אויף דעם זאגט דער אייבערשטער, נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם, עטץ זענטס געשלאגן געווארן דאפעלט, די נחמה וועט אויך זיין א דאפעלטע נחמה.

*

**דער** הייליגער **חתם סופר** (בתורת משה פ' חקת צ.) שטעלט זיך, אז די גמרא זאגט, אז דאס וואס מיתת צדיקים איז מכפרת, לערנט מען ארויס פון מרים. נאכדעם איז דא א צווייטע גמרא נאכדעם, אז מיתת אהרן האט אויך מכפר געווען. און דאס לערנען מיר ארויס פון די בגדי כהונה. נאך די פרשה פון מיתת אהרן, ווערט דערמאנט בגדי כהונה (במדבר כ-כו), מה בגדי כהונה מכפרת אזוי איז מיתתן של צדיקים מכפרת. קומט דאך אויס, אז ווען מרים איז געשטארבן האט עס מכפר געווען אויפן כלל ישראל, און ווען אהרן איז געשטארבן האט עס ווייטער מכפר געווען אויפן כלל ישראל. פרעגט דער הייליגער חתם סופר, צווישן די מיתה פון מרים און די מיתה פון אהרן, איז געווען א קורצע צייט. מרים איז געשטארבן אין חודש ניסן, און אהרן איז געשטארבן אין חודש אב, א פאר חדשים שפעטער. און מיתת מרים האט מכפר געווען, ווייל מיתת צדיקים איז דאך מכפרת, נו וואס איז געווען די מיתת אהרן וואס איז געקומען נאכדעם, אז עס זאל נאכאמאל מכפר זיין. מען האט דאך שוין פריער אלעס מכפר געווען.

**זאגט** דער הייליגער חתם סופר, אמת אז מיתת צדיקים איז מכפרת, אבער דאס איז נאר ווען א מענטש איז משים לב אויף די מיתת צדיקים, און עס ברענגט אים נתעורר צו ווערן, זיך צוריקצוקערן צום אייבערשטען, איז דאס אזוי ווי א קרבן וואס עס דארף אויך זיין וידוי מיט תשובה, דעמאלטס איז עס א קרבן. אבער טאמער א צדיק גייט אוועק, ואין איש שם על לב כי מפני הרעה נאסף הצדיק (ישעיה נז-א). דער צדיק איז אוועק, אבער עס מיינט נישט מיך, עס האט גארנישט צו טון מיט מיר, איז די מיתת צדיקים נישט מכפר אויף אים. ווייל מיתת צדיקים איז א קרבן, און א קרבן איז נאר, ווען דו ברענגסט א קרבן, און דו ביסט זיך מתוודה דערויף, דאס איז מכפר. אבער טאמער מען איז נישט משים לב אויף די מיתת צדיקים, עס איז אין איש שם על לב כי מפני הרעה נאסף הצדיק, זאגט דער הייליגער חתם סופר, איז די מיתת צדיקים נישט מכפר.

**ווען** מרים איז נסתלק געווארן, זאגט דער הייליגער חתם סופר, האט נישט באריהרט יעדן איינעם אז זי איז נסתלק געווארן. תיכף צוויי דריי טאג שפעטער, ווען זיי האבן נישט געהאט צו טרינקען וואסער, זענען זיי זיך צוזאמגעקומען אויף משה מיט אהרן, און מען האט זיך געקריגט מיט משה, ווי די תורה פארציילט, און זיי האבן נישט גומל חסד געווען מיט מרים איר מספיד צו זיין געהעריג. זיי האבן געוואוסט אז מרים איז א געוואלדיגע צדיקת, מרים איז געווען א נביאה נאך אלץ קינד אין מצרים, ווען משה רבינו איז געבוירן געווארן. און ווען מען איז געקומען אין מדבר, און עס איז נישט געווען צו טרינקען קיין וואסער, האט מרים'ס זכות געברענגט די בארה של מרים. פערציג יאר האט מען געהאט צו טרינקען וואסער אינעם מדבר בדרך נס, וועגן מרים. און מען האט זיך נישט געקענט טועה זיין אז דאס קומט נישט פון מרים, ווייל ווען מרים איז געשטארבן האט זיך אויפגעהערט די וואסער, האט דאך יעדער געזעהן עין בעין, ווער די מרים איז. זאגט דער הייליגער חתם סופר, זיי האבן נישט גומל חסד געווען מיט איר. און אז מען האט נישט גומל חסד געווען, האט נישט מכפר געווען אויף זיי מיתת מרים, האט געדארפט קומען נאכדעם מיתת אהרן. ביי מיתת אהרן האבן זיי זיך געכאפט, ויבכו את אהרן וגו' כל בית ישראל (שם כ-כט), גאנץ כלל ישראל האט אים באוויינט, נאכמער ווי ביי משה רבינו, ווי רש"י ברענגט צו, האט מען באוויינט אהרן. ווייל מיתת צדיקים איז מכפר דעמאלטס ווען מען פארשטייט פארוואס עס איז געקומען.

**מען** ווייסט דאך יעדער איינער, **אז די לעצטע פאר חדשים איז געווען א שווערער זמן פאר כלל ישראל. וויפיל ערליכע יודען זענען אוועק, וויפיל צדיקים זענען אוועק פון כלל ישראל אין די פאר חדשים, וויפיל ראשי ישיבות, וויפיל תלמידי חכמים, זענען אוועק אין די לעצטע תקופה. און עס איז נישט נאר אין אונזער מקום דאהי, נאר אויך אין די גאנצע וועלט, אין אייראפע, אין ארץ ישראל. און אין איש שם על לב! עס איז א מגיפה! ער האט געהאט קאראנא, און ער איז אוועק, עס איז אדורכגעגאנגען. און אז עס איז אין איש שם על לב, אז מען נעמט זיך נישט צום הארץ אז מיתת צדיקים מיינט נישט די צדיקים, עס מיינט אונז, מען וויל אונז אויפוועקן, זיי זענען אונזער כפרה. אז מען וועקט זיך נישט אויף פון איין צדיק, קומט א צווייטער צדיק. און אז מען וועקט זיך נישט אויף פון צווייי, קומט א דריטער. ווען עס איז אין איש שם לב כי מפני הרעה נאסף הצדיק, אז מען נעמט זיך נישט צום הארצן וואס דאס איז, איז מיתת צדיקים נישט מכפר.** נאך מיתת מרים האט אויסגעפעלט מיתת אהרן, עס זאל מכפר זיין אויף כלל ישראל.

**מיר** דארפן גלייבן אז אלעס איז מיט א חשבון, עס איז געווען אויסגערעכענט, ווער עס דארף אוועקגיין פון די וועלט, און ווער עס זאל בלייבן. און עס מיינט אונז, תדאג כל החבורה. **יעדער יוד איז דאך א חלק פונעם כלל ישראל, אז עס האט צוגערירט צו מנהיגי ישראל, עס האט צוגערירט צו תלמידי חכמים, עס האט צוגערירט צו ראשי העדה, מיינט עס יעדן איינעם! מען דארף נתעורר ווערן, און טראכטן וואס עס איז דא ביי אונז מתקן צו זיין.** מען האט שוין פריער געהערט, איך דארף נישט אויסרעכענען פאר יעדן איינעם וואס צו טון, יעדער איינער ווייסט ביי זיך אליין, וואס מען דארף צו טון, אבער מען קען נישט זאגן, עס געהער נישט צו מיר, עס האט נישט צו טון מיט מיר. אויב עס האט נישט צו טון מיט מיר, דעמאלטס איז מיתת צדיקים נישט מכפר.

**'כי** ימצא חלל באדמה אשר ה' אלקיך נותן לך לרשתה נפל בשדה', מען געפינט א מת, אויב עס איז 'לא נודע מי הכהו', אויב מען כאפט זיך נישט ווער

עס האט געשלאגן, מען מיינט אז עס איז דא א רוצח וואס האט אים געשלאגן, און מען כאפט זיך נישט אז דאס איז יד ה', דער אייבערשטער האט אונז געשלאגן. דאס וואס ער איז געשלאגן געווארן, דאס איז געקומען פונעם רבונו של עולם, עס איז געקומען אונז אויפוועקן, עס איז געקומען זאגן אז דער מענטש זאל געדענקן אז מען לעבט נישט שטענדיג, עס איז דא א צייט וואס מען לאזט אלעס איבער, און מען דארף זיך צוגרייטן ביים לעבן אויף דעם טרקלין וואו מען דארף צוקומען. אויב עס איז ימצא חלל באדמה, און לא נודע מי הכהו, מען כאפט זיך נישט מי הכהו, ווער עס האט אים געשלאגן, אז דאס קומט פונעם רבונו של עולם אליין. זאגט די תורה, אז מען דארף אויפוועקן דעם עולם, און די זקני העיר וואס זענען קרובים אל החלל, דארפן ארויסגיין און אויפוועקן דעם עולם, דערמאנען 'מי הכהו', דערמאנען ווער עס האט אונז געשלאגן, אז דאס איז פונעם רבונו של עולם, און עס קומט אונז אויפצווועקן צו גיין אויפן ריכטיגן וועג.

*

**אמאל** איז דא וואס די שולד איז נישט כלל ישראל, די שולד זענען די מנהיגים, מען איז נישט משמיע גענוג קיין מוסר, מען רעדט נישט גענוג מוסר, מען הערט נישט גענוג קיין מוסר, מען איז נישט מעורר, און אז מען איז נישט מעורר, פאלט מען. אמאל איז דא וואס מען הערט מוסר איינמאל און צוויי מאל, עס איז דברים היוצאים מן הלב, עס פעלט אבער די נכנסים אל הלב, אז די מוסר מיינט מיך, און איך דארף אויך עפעס צו טון דערצו. זענען די זקני העדה ארויסגעגאנגען, און זיי האבן געזאגט, אמת 'ידינו לא שפכו את הדם הזה', אונז בפועל האב מיר נישט פארגאסן דעם בלוט, אבער מיר זענען שולדיג אז 'עינינו לא ראו', אז אונזערע אויגן האבן נישט צוגעקוקט וואס דער ציבור טוט, און אונז האב מיר נישט מעורר געווען דעם ציבור, אז מען דארף זיך פירן ווי עס דארף צו זיין. די זקני העדה האבן מתוודה געווען אויף זיך, ידינו לא שפכו הדם הזה, מיר האבן טאקע נישט פארגאסן דעם בלוט, אבער מיר זענען שולדיג דערויף, ועינינו לא ראו, פארוואס מיר האבן זיך נישט אומגעקוקט אויפן דור, אז מען זאל זיך פירן ווי עס דארף צו זיין.

*

**אמאל** איז דא וואס די זקני העדה האבן יא געטון אלעס וואס זיי דארפן, זיי זענען יא משמיע מוסר, אבער דער ציבור האט נישט ארויפגעקוקט אויף די עיני העדה, מקבל צו זיין די מוסר וואס מען האט געהערט. ידינו לא שפכו את הדם הזה, מיר האבן נישט פארגאסן די בלוט, אבער די חסרון איז, 'ועינינו לא ראו', כלל ישראל האט נישט ארויפגעקוקט אויף אונזערע 'עיני' העדה, וואס האבן מוכיח געווען יודען. ווי עס איז געווען ביים בית המקדש, וואס ירמיה הנביא האט מוכיח געווען יודען, אבער מען האט נישט ארויפגעקוקט דערויף, האבן זיי מתוודה געווען דערויף, און אויף דעם האבן זיי מעורר געווען יודען, אז מען זאל זיך צוריקקערן צום אייבערשטען.

**אין** אונזער פאל, ביי די מיתת צדיקים וואס דער אייבערשטער האט צוגעברענגט ביי די משפחה ביי אונז. ווען מען איז זיך מתוודה קען מען נישט זאגן, אז מען האט נישט מוכיח געווען דעם ציבור. עס איז זעלטן צו טרעפן א בית המדרש ווי דעם מקום, מקצת שבחו בפניו, וואס מען איז מעורר אויף יודישקייט, השכם ושלוח, ערב ובוקר, יעדן טאג, און כל שכן יעדן שבת און יעדן יום טוב, רעדט מען פון די פירצות פונעם דור, וואס מען דארף מתקן זיין. און זאכן וואס אנדערע האבן נישט גערעדט, ווערט אויך אויסגעשמועסט אינעם בית המדרש, און מען איז מעורר דערויף. עס איז דא ב"ה ווער עס איז מעורר, אבער 'עינינו לא ראו', אז עס האט פאסירט א אומגליק, איז א סימן אז מיר האבן נישט גענוג מקבל געווען די ווערטער! מיר האבן נישט גענוג ארויפגעקוקט אויף אונזערע עיני העדה, ארויפגעקוקט וואס זיי האבן געזאגט, און זעהן זיך צוצושטעלן דערצו. און אויף דעם בעהט מען, 'כפר לעמך ישראל אשר פדית ה'', אז דער אייבערשטער זאל מכפר זיין אויף יודען, ואל תתן דם נקי בקרב עמך ישראל, עס זאל שוין נישט זיין קיין דם נקי. והכתוב מבשרם, דער פסוק איז מבשר, ווען מיר וועלן משים לב זיין צו די פרשה וואס עס שטייט דא, 'ונכפר להם הדם', דעמאלטס וועט זיין די כפרה. ווען עס איז לא נודע מי הכהו, אז מען כאפט זיך נישט ווער עס איז דער הכהו, איז נישט דא קיין מכפר. אבער טאמער די זקני העיר וועלן ארויסגיין און זאגן, אמת ידינו לא שפכו את הדם הזה, אבער עינינו לא ראו, מען קוקט זיך נישט אום אויף אונזערע עינינו, זיך אראפצולערנען פון זיי וואס מען דארף צו טון,

דעמאלטס ברענגט עס א אומגליק. און אז מען ווערט נתעורר דערויף, איז נאכדעם ונכפר להם הדם, איז די תורה מבטיח אז עס וועט ברענגען א כפרה.

**מען** שטייט דאך נאנט צו חודש אלול, מען גייט דאך אריין אין די ימי הרחמים והרצון, וואס יעדער יוד ווערט דאך נתעורר אין די טעג. עס איז טאקע נישט דא דער התעוררות וואס עס איז געווען אמאל. **אמאל א חודש אלול, א שבת מברכין אלול, בשעת מען האט נאר אנגעהויבן צו בענטשן דעם חודש, האט מען פארגאסן טרערן אין די בתי מדרשים, אז מען גייט אריין אין דעם חודש אלול. עס איז אמעריקע, עס איז קאלט, מען איז אלעס מקבל אזוי גרינג, אבער ביי זיך אין הארץ ווייסט דאך יעדער איינער דעם אמת, וואס מען דארף אלץ מתקן זיין, און וואס מען דארף זיך פארבעסערן די מעשים. גלוי וידוע לפניך שרצונינו לעשות רצונך, דער רבונו של עולם ווייסט דאך, אז מיר ווילן זיין גוט, מיר האבן נאר נישט די כוחות הנפש עס מוציא צו זיין מן הכח אל הפועל. און אויף דעם דארף מען מתפלל זיין, אז דער אייבערשטער זאל אונז געבן די כוחות, מיר זאלען קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, טון דעם רצון ה' ווי דער אמת'דיגער רצון איז פון יודען צו דינען דעם אייבערשטען.**

**עס** ענדיגט זיך די שלשים, די נשמה גייט ארויף אויבן אין הימל, זאל דער אייבערשטער געבן, זי זאל זיין א מליצה יושר אויף די גאנצע משפחה, אויף אלע גוטע פריינד. אירע מצוות און מעשים טובים וואס זי האט געטון, וועלן איר אוודאי אקעגן גיין. די זיכוי הרבים וואס זי האט זוכה געווען, וואס עס איז זעלטן צו טרעפן אין היינטיגע דורות א אשה וואס זאל זוכה זיין צו זיין אין אזא מאס המזכה את הרבים, אין די היימישע יודישע שטובער, איז אוודאי איר זכות זייער גרויס. זאל זי זיין א מליצה יושר פאר אונז אלע, און מיר אלע זאלן האבן א גוט געבענטשט יאר, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>יום שלישי פרשת שופטים</u>***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **מנחם לעפקאוויטש** הי"ו.

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת אייזיקאוויטש שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הרב **שלום אייזיקאוויטש** ז"ל).

כמו כן הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **חיים מרדכי קלאר** ע"ה.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**אחיו הרה"ג רבי יחיאל מיכל קלאר שליט"א, מו"ץ בבית הוראה דקהלתנו בוומסב"ג:** דער רב האט געקענט דעם ברודער?

**רבינו:** אז מען האט א ספרים געשעפט אין וויליאמסבורג (בית מסחר ספרים 'בית הספר') זאל מען נישט קענען?! ווען זענט עטץ געקומען קיין אמעריקא.

**הגרי"מ:** תש"ל.

**רבינו:** וואס איז געווען די סיבה?

**הגרי"מ: רבי יהודא'לע הורוויץ** האט געהייסען דעם טאטן, ווייל ער האט א שטוב מיט קינדער, און ער קען זיי נישט חתונה מאכען אין ארץ ישראל, ער איז נישט געווען געוואוינט צו זיין פון די פושט יד. האט ער אים געזאגט, פאר קיין אמעריקא, וועסטו האבן פרנסה, וועסטו קענען חתונה מאכען די קינדער.

**רבינו:** איך האב געזעהן די פאריגע וואך שטיין, אז דער **בעלזער רב, רבי אהרן זי"ע**, האט געזאגט, אז דאס וואס עס איז אזוי שווער חתונה צו מאכען אין ארץ ישראל, איז ווייל אזוי ווי דער רשע פון דייטשלאנד האט געוואלט אריינקומען קיין ארץ ישראל, און מן השמים האט מען אים צוריקגעהאלטן, האט מען עס אויפגעטוישט אז עס וועט זיין שווער חתונה צו מאכען די קינדער אין ארץ ישראל. - אין אמעריקא איז אויך נישט אזוי גרינג, נאר עס איז דא יודען וואס העלפן צו. ב"ה אז מען טוט זיך צוביסלעך צוזאמקלויבען גרינגער צו מאכען די הוצאות החתונה.

**הגרי"מ:** אפילו דא האט מיין טאטע ז"ל געזאגט דעמאלטס, אז ער האט געהאט פרנסה נאר ממש וואס מען דארף צום לעבן, און ווי אזוי ער האט געקענט דעמאלטס חתונה מאכען ניין קינדער, ווייסט ער נישט ווי אזוי, דער אייבערשטער פירט.

**רבינו:** קשה זיווגו של אדם כקריעת ים סוף (סוטה ב.). געוועגליך מיינט מען אז נאר דער זיווג אליין איז קשה כקריעת ים סוף. אז עס איז קשה פרנסתו של אדם כקריעת ים סוף (פסחים קיח.), פארשטייט מען אז די

זיווגו איז אויך כקריעת ים סוף, מען דארף דאך פרנסה דערצו. עס שטייט פון פריערדיגע צדיקים, אז ווען א מענטש וואלט געמאכט א חשבון ווי אזוי ער האט געקענט אדורכלעבן און חתונה מאכען קינדער, וואלט ער געזעהן אז עס איז א נס מן השמים.

**א' האבלים:** פונעם **בני יששכר** זאגט מען נאך, אז ווען א מענטש וועט מאכען א חשבון וואס ער פארדינט, און וואס זיינע הוצאות זענען, וועט ער זעהן אז עס שטימט נישט.

מען זאגט נאך פונעם **אפטער רב** אז ווער עס מאכט חתונה א קינד, און ער פארבט זיך נישט איבער די דירה, לאכט מען פון אים אויבן אין הימל.

**רבינו:** ווער עס פארבט איבער, און ער האט נישט קיין געלט צו באצאלן, לאכט מען אויך פון אים אין הימל. - וואס מען דארף, דארף מען.

**הגרי"מ:** מיין מאמע האט מיר געזאגט, אז פאר ער האט חתונה געמאכט איינע פון קינדער, האט זי אים אמאל געבעטן, אז ער זאל ארויסנעמען עפעס א הלוואה. האט ער געזאגט, מען קען נישט אנטלויפן פונעם בורא כל עולמים, אין ארץ ישראל וואלט ער געהאט די זעלבע שוועריקייט צו פארשאפען דאס געלט, דא דארף איך נישט פארשאפען, דא דארף איך נאר א הלואה, און עס קומט אים אן דא די הלואה אזוי שווער, ווי דארט צו פארשאפען די געלט, און פאר די געלט וואלט ער שוין געקענט וואוינען דארטן.

**רבינו:** אבער די שידוכים איז געווען באשערט פון אמעריקא, און דאס וואלט נישט געווארן אין ארץ ישראל. האט מען צוגעפירט פון הימל אזוי, אז מען האט געדארפט אהער קומען.

*

אחר תפלת מעריב נסע **רבינו שליט"א** לקרית יטב לב בעיר בלומינגבערג, והשתתף אצל דינער השנתי לטובת כולל שומרי החומות, שהתקיים באולם עטרת פעסיל לאה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**ברשות** כ"ק אדמו"ר שליט"א, פותחין בכבוד אכסניא, די ערשטע מאל וואס איך בין דא אין דעם שטעטל, קרית יטב לב. עס איז באמת צו באגריסן, ווי שיין דער שטעטל איז געווארן, אין אזא קורצע צייט. א עיר מלאה חכמים וסופרים, וואס מען האט זיך ארויסגעצויגן פון די שטאט, און געמאכט א נייעם מקום תורה, מען זאל קענען מגדל זיין די קינדער ערליך, אפגעזונדערט פון די גאס. כל התחלות קשות, עס קומט נישט אן גרינג, אבער די אלע וואס זענען געקומען האבן א געוואלדיגן זכות, זיי האבן אדורכגעבראכן דעם וועג צו וויזן פאר אנדערע. זאל דער אייבערשטער זיי בענטשן בכל משאלות לבבם לטובה.

**מען** איז זיך צוזאמגעקומען לכבוד כולל שומרי החומות, וואס מען דארף עס נישט פארשטעלן, מען האט שוין פריער געהערט, יעדער איינער ווייסט די געוואלדיגע צדקה וואס עס איז דא אין עניי ארץ ישראל. די צדקה וואס עס איז געווען זייער חשוב ביי אלע אונזערע עלטערן, זיידעס און עלטער זיידעס, מען האט געוואוסט אז מען האט זיך נישט געריירט מיט קיין שום זאך, אן דעם וואס מען האט נישט עפעס געגעבן פאר עניי ארץ ישראל. עס איז א געוואלדיגער זכות אטייל צו נעמען דערין.

**איך** האב געוואלט רעדן א ווארט וואס עס איז נוגע אויפן ענין פון די חשיבות פון החזקת התורה עניי ארץ ישראל. מיר ווייסן, אז ווען עס איז דא אויפן טיש פארשידענע פירות, און מען דארף מאכן א ברכה אויף א פרי, דארף מען מקדים זיין קודם פון די שבעת המינים. אויב עס איז דא פירות וואס עס איז נישט פון די שבעת המינים, און פירות פון די שבעת המינים, מאכט מען די ברכה אויף א פרי פון די שבעת המינים. אין שבעת המינים אליין, אויב עס איז דא אויפן טיש פארשידענע פירות פון די שבעת המינים, איז דא אן הלכה אז מען דארף מקדים זיין וועלכע פרי עס איז אויסגערעכנט נאנטער צום ווארט 'ארץ'. און אזוי ווי עס שטייט אין פסוק צוויי מאל דאס ווארט 'ארץ', דארף מען מקדים זיין קודם וואס עס איז נאנטער צום ערשטן ארץ, און נאכדעם וואס עס איז נאנט צו די צווייטע ארץ (עיין **שו"ע** או"ח סימן ריא).

**שבעת** המינים איז ארץ חטה ושעורה, וואס חטה ושעורה איז נישט קיין פירות, עס איז תבואה. פון די פירות הייבט זיך אן, גפן תאנה ורימון, נאכדעם איז דא ארץ זית שמן ודבש. קומט אויס אז טאמער ליגט פירות אויפן טיש, איז מען מקדים קודם דעם זית, און נאכדעם דעם דבש, ווייל זיי זענען די ערשטע מיט די צווייטע וואס איז נאנט צום צווייטען ארץ, גפן איז די

דריטע פונעם ערשטען ארץ, איז דאס אויף שפעטער. קומט אויס, אז זית און דבש איז די חשוב'סטע וואס עס איז דא אין די שבעת המינים. די תורה האט עס געשטעלט נעבן 'ארץ', ארץ זית שמן ודבש.

**זית** ודבש איז מן הקצה אל הקצה איינס פון דאס אנדערע. זית ווייסן מיר איז ביטער, די גמרא (עירובין יח:) זאגט, יהיו מזונותי מרורין כזית, און עס זאל זיין בידו של הקב"ה ולא ביד בשר ודם. דבש איז די זיסטע פון אלע פירות. עס איז מן הקצה אל הקצה. ארץ זית שמן, איז די ביטערסטע, און דבש איז די זיסטע. און אז עס קומט צו דאנקען דעם אייבערשטן, דארף מען מקדים זיין קודם דעם זית שמן פארן דבש. וואס איז דער ענין דערין, פארוואס האט די תורה צוזאמגעשטעלט די צוויי זאכן צוזאמען?

**די** חשיבות פונעם זית איז דער שמן. שמן מביא אורה לעולם (תנחומא תצוה ה), שמן ברענגט ליכטיגקייט אויף די וועלט. אורה דאס איז תורה, אין מדרש (שמו"ר לו-א) שטייט זית רענן יפה פרי תואר קרא ה' שמך (ירמיה יא-טז), דער אייבערשטער רופט אן כלל ישראל אז זיי זענען א זית רענן, ווייל דער זית טוט סימבאליזירן שמן, וואס שמן ברענגט ליכטיגקייט לעולם.

**עס** שטייט פון **רבי שמעון סופר** (אבד"ק קראקא) אז זיין פאטער דער **חתם סופר** האט אים געזאגט, יעדן טאג ווען ער לייענט קריאת שמע, און ער זאגט ואספת דגנך ותירושך ויצהרך, האט ער אינזין ער זאל האבן הצלחה אין תורה. דגנך, דאס איז ווייץ, דאס ווייזט אויף בקיאות התורה. הכל צריכין למרי חטיא רופט אן די גמרא (ברכות סד.) דער קיום פון תורה. ותירושך דאס איז יין, דאס ווייזט אויף פלפול התורה, דאס איז הביאני אל בית יין (שיר ב-ד), זו יינה של תורה (ירושלמי עבודה זרה ב-ז). שמן ווייזט אויף די חשוב'סטע חלק וואס עס איז דא אין די תורה, סתרי תורה ווערט צוגעגליכען צו שמן. דער הייליגער חתם סופר האט געזאגט, אז ער איז מכוון ווען ער לייענט קריאת שמע, אז דער אייבערשטער זאל אים אריינגעבן א ברכה, ואספת דגנך, ער זאל זוכה זיין צו בקיאות התורה, צו פלפול התורה, און צו סתרי תורה (הובא **בדרשות חתם סופר** דף שנה בהגה). - מיין זיידע **דער שאמלויא'ער רב זי"ע** ברענגט צו דאס ווארט, אין א בריוו אין ספר **זכרון למשה**. און ער זאגט, אז עס איז נתקבל געווארן די תפלה פונעם חתם סופר, אז עס איז נישט געווען כמעט בדורו, איינער וואס האט אזוי זוכה געווען צו אלע חלקים פון תורה, פון ואספת דגנך ותירושך ויצהרך.

**קומט** אויס אז דער זית שמן, איז די חשוב'סטע פון אלע, ווייל דער חשוב'סטער חלק פון תורה, איז דער שמן. אבער פון די אנדערע זייט, איז עס מזונותי מרורים כזית. זוכה זיין צו תורה קומט נישט אן גרינג. מען קען נישט עוסק זיין אין עולם הזה, און עוסק זיין אין תורה, און מצליח זיין איןביידע. דער וואס וויל זוכה זיין צו כתרה של תורה, דארף זיך אפזונדערן פון די וועלט, און מזונותיו איז מרורים כזית. קומט אויס, אז דער זית שמן איז די חשוב'סטע פון אלע פירות, ווייל שמן ווייזט אויף די חשוב'סטע חלק פון תורה, און עס ווייזט אויף די מסירת נפש פון דעם וואס גיט זיך אוועק פאר תורה, אז ער איז מסכים צו לעבן אז מזונותיו יהיו מרורים כזית, כדי ער זאל זוכה זיין צו שמנה של תורה. איז ער די חשוב'סטע פרי פון אלע, ער איז די ערשטע מוקדם פאר אלע.

**נאכדעם** איז דא דער דבש. דער דבש איז נישט מזונותי מרורים כזית. דער דבש איז אים אלעס גוט, ב"ה דער אייבערשטער איז אים מזמין פרנסה, נישט נאר פאר זיך, נאר ער קען אויך צוהעלפן פאר אנדערע, און מפרנס זיין אנדערע. דאס איז דער יששכר מיט דעם זבולון. דער זית שמן איז דער יששכר וואס זיצט און לערנט תורה, און מזונותיו איז מרורים כזית. דער דבש דאס איז דער זבולון וואס דער אייבערשטער איז אים מזכה, דער באשעפער גיט אים, נישט נאר ער זאל האבן פאר זיך, נאר ער זאל האבן ברייטער, צו געבן פאר אנדערע אויך, ער זאל קענען מחזיק זיין תורה. און ווען דער זית שמן מיטן דבש קומען זיך צוזאם, דאס איז די חשוב'סטע צוויי פירות וואס איז דא אין די וועלט. זית שמן ודבש, ווען זיי קומען זיך צוזאם, זיי זענען געווארן שותפים, דער זית שמן זיצט און הארוועט אין תורה, און דער דבש העלפט אים צו ער זאל קענען זיצן און לערנען, דאס איז ביים אייבערשטן חשוב'ער פון אלע פירות וואס עס איז דא.

**דער** עצם פאל פון כולל שומרי החומות, דאס איז זיבן הונדערט בני תורה וואס איז דא אין כולל, וואס

מען זיצט און מען לערנט תורה. און עס איז תורה מתוך הדחק, ווי מען האט פריער געהערט, עס איז דא שטובער וואס מען קען נישט עסן קיין פלייש אינדערהיים. דאס איז בשנים כתיקונם. אינעם יעצטיגן מצב, וואס דער מצב דארט דארף האבן רחמי שמים, וואס עס איז נישט דא קיין פרנסות געהעריג, און מען קען נישט ארויסגיין ארבעטן. ביי אונז איז ב"ה א ארץ זבת חל"ב... עס איז דא ב"ה א רחבות, אבער דארט איז עסליידער נישט דא. און זיי זענען מקיים דעם זית שמן, זיי זיצן און לערנען תורה. יודען וואס זענען מלא וגדוש אין תורה, וואו מען פרעגט זיי, ווייסן זיי צו ענטפערן. און אונז בני חוץ לארץ, האט דער אייבערשטער מזמין געווען דעם דבש, און מיר דארפן האבן א שותפות צוזאמען. און ווען מיר ווילן זיך משתף זיין אינאיינעם, דאס איז די חשוב'סטע וואס עס איז דא, אז מיר זענען מחזיק תורה.

*

**דער** פסוק (דברים טו-י) זאגט, נתון תתן לו, ולא ירע לבבך בתתך לו, כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך, אין דעם זכות וואס יודען טוען צדקה, וועט דיך דער אייבערשטער בענטשן, בכל מעשיך ובכל משלח ידך, וואו דו וועסט לייגן דיין האנט וועסטו האבן א ברכה. רש"י אויפן פלאץ זאגט, כי בגלל הדבר הזה, דבר איז דיבור, אפילו ווען א מענטש קען נישט געבן אויפן פלאץ, אבער ער זאגט, איך בין גרייט צו נעמען א חלק אין די צדקה, איך וועל מיך אנשטרענגען צו געבן, באקומט ער די ברכה נישט נאר ווען ער גיט, נאר אויפן דיבור, אויף דעם וואס ער האט געזאגט איך גיי זיך צושטעלן דערצו, האט ער שוין א ברכה פונעם אייבערשטען, כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך בכל מעשיך ובכל משלח ידך. - איך וויל עס נאר ארויפברענגען כלפי דעם וואס מען האט פריער גערעדט, אז מיר האבן א זכות צו נעמען אויף זיך אויסצוהאלטן א כתה, אפילו מען האט נישט אויפן פלאץ, אבער בגלל הדבר הזה, אונז זאג מיר כאטש, אז מיר ווילן זיך צושטעלן, מיר וועלן פראבירן, איז שוין דא די ברכה וואס דער אייבערשטער שיקט, אז ער זאל עס קענען מקיים זיין, און מוציא זיין מן הכח אל הפועל.

**און** דער פסוק זאגט, יברכך הוי"ה אלקיך, דער אייבערשטער וועט דיך בענטשן, עס איז דא דער שם הוי"ה. ווי אזוי איז מען מעורר רחמים אויף יודען? צדקה איז מעורר רחמים. מען ווייסט אז דער שם הוי"ה איז י-ה-ו-ה, דער י"ה פאר זיך אליין איז דין, און ווען עס קומט צוזאמען מיטן ו"ה דעמאלטס ווערט עס רחמים. יסר יסרני י"ה ולמות לא נתנני (תהלים קיח-יח), יסר יסרני דאס קומט פון די שם י"ה. דער שם הוי"ה איז דער שם הרחמים, אלע סארט רחמים קומען פונעם שם הוי"ה. די בני תורה זענען די יסר יסרני, כזית, מזונותי מרורין כזית, זיי זענען די האלבע שם, דער י"ה. די וואס טוען צו העלפן צו תורה, אז זיי זאלן קענען עוסק זיין בתורה, די זענען מעורר די ו"ה. פארוואס? ווייל די גמרא (בבא בתרא ט.) זאגט, אז ווען א יוד גיט צדקה, איז ער מתברך בשש ברכות, ווערט ער געבענטשט מיט זעקס ברכות. והמפייסו מתברך בי"א ברכות. צדקה האט צוויי חלקים אין זיך. עס איז דא וואס מען גיט צדקה, אבער עס ווענדט זיך ווי אזוי מען גיט די צדקה. אמאל גיט מען די צדקה און עס איז נישט בסבר פנים יפות, ער האט נישט קיין ברירה, מען מוטשעט אים, גיט ער. עס פעלט די שמייכל בשעת מען גיט די צדקה, עס פעלט דאס גוט ווארט צו זאגן פאר דעם עני. און דאס איז אסאך גרינגער ווי דאס גאנצע געבן, אבער פארן מענטש איז דאס שווערער ווי דאס עצם געלט געבן. והמפייסו, פאר דעם איז דער שכר גרעסער, י"א ברכות איז דא אויף מפייסו. ווען א יוד גיט צדקה, דארף ער עס געבן מיטן גאנצן הארץ, און זאגן א גוט ווארט פאר דעם עני. **עס קומען שליחים פון מוסדות פאר צדקה, מען דארף זיי אויפנעמען מיט א פיין ווארט, איך באדאנק דיך דו ביסט געקומען, דו האסט מיך מזכה געווען איך זאל אויך האבן א חלק אין די מצוה.** דער והמפייסו איז זייער חשוב ביים אייבערשטען, עס איז בגלל הדב"ר הזה, עס איז בכלל פונעם דיבור. אין **שלחן ערוך** (יו"ד רמט-ג) איז גע'פסק'נט, אז ווען מען גיט צדקה און מען גיט עס נישט בסבר פנים יפות, אפילו נותן לו אלף זוז, אבד שכרו! עס איז נישט דא קיין שכר, וויבאלד דו האסט נישט געגעבן מיט א פנים יפות.

**ווען** מען גיט צדקה איז ער מתברך בשש ברכות, והמפייסו, איז ער מתברך בי"א ברכות, דאס איז דער ו"ה. כי בגלל הדבר הזה, ווען אונז וועל מיר געבן צדקה, און מיר וועלן דאס געבן מיט א סבר פנים יפות, און עס וועט זיין דער דיבור, אפילו ער קען נישט יעצט געבן אויפן פלאץ, נעמט ער זיך אונטער

צו געבן, יברכך הוי"ה אלקיך, וועט זיך צוזאמקומען דער שם הוי"ה, די בני ארץ ישראל דאס איז די י"ה, און מיר וועלן משלים זיין דעם שם ו"ה, און דאס וועט גורם זיין עס זאל זיין ברכה.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן אי"ה, אין זכות וואס מען קומט זיך צוזאם צו העלפן אזא חשובען מוסד כולל שומרי החומות, ווי מען האט פריער געהערט, עס איז כולל אין זיך אלע סארט צדקות, און אז מען האט א חלק דערין, האט מען א חלק אין יעדע סארט גמילות חסד. און דאס איז מעורר יעדע סארט חסד וואס א יוד דארף האבן, זה בכה וזה בכה, קען מען זיך איינקויפן אין דעם זכות. אז מען שטיצט אזא מוסד וואס איז כולל אין זיך אלע צדקות, וועט מען אוודאי געבענטשט ווערן מיט די ברכה וואס צדקה האט אין זיך, כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך בכל מעשיך ובכל משלח ידך.

**מען** גייט דאך שוין אריין אין א נייע יאר, זאל דער אייבערשטער אונז בענטשן, מען זאל האבן א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר, און א פרייליך יאר, מען זאל קענען טון מצות ומעשים טובים ארויסצוהעלפן פאר אנדערע. דער אייבערשטער זאל אונז געבן, אז מיר וועלן האבן נישט נאר דעם זית שמן אליינס, עס וועט זיין זית שמן ודבש, קענען האבען א חלק אין זייער תורה. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום רביעי פרשת שופטים – ערב ראש חודש אלול***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** למחנה ישיבת מאור התורה בסאוט פאלסבורג, בהנהלת **הרה"ג רבי יוסף מאיער שליט"א**, והשמיע דברי מוסר והתעוררות לתלמידי הישיבה לקראת ימי חודש אלול הבעל"ט. אחר כך עברו תלמידי הישיבה לקבל ברכת הקודש.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**ברשות** דעם חשובן ראש ישיבה זאל זיין געזונט, די מגידי שיעורים, די חשוב'ע בחורים וואס עס איז פקיע שמיא, בחורים מופלגים בתורה וביראת שמים, וואס זיצן און לערנען אין דעם מבצר התורה, ה' עליהם יחיו, זיי זאלן ווייטער שטייגן און וואקסן. איך וועל זאגן א פאר ווערטער בעפאר מען גייט אריין אין דעם חודש אלול.

**מען** געפינט די וואך אין די פרשה (דברים יז-ח), כי יפלא ממך דבר למשפט וגו', דברי ריבות בשעריך, עס וועט זיין א מחלוקת צווישן די חכמים אויף א געוויסע הלכה, וקמת ועלית אל המקום אשר יבחר ה' אלקיך בו, דארף מען ארויפגיין צו דעם מקום המקדש, און קומען אל הכהנים הלוים ואל השופט אשר יהיה בימים ההם. זאגט די תורה, אזוי ווי מען וועט דיר פסק'נען, אזוי זאלסטו טון. לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל, דו זאלסט זיך נישט אוועקרירן פון די זאך וואס מען האט דיר געהייסן, נישט רעכטס און נישט לינקס. זאגט רש"י, אפילו אומר לך על ימין שהוא שמאל, ועל שמאל שהוא ימין, מען קומט אהין און, און דער ראש הסנהדרין זאגט אים אויף ימין, אז עס איז שמאל, און אויף שמאל זאגט ער אז עס איז ימין, איז ער מחויב צו טון אזוי ווי מען האט אים געהייסן. וכל שכן כשהוא אומר לך, על ימין ימין, ועל שמאל שמאל.

**אין** פשוטן פשט איז שווער צו פארשטיין. אויב מען רעדט ממש פון ימין און שמאל, רעכטס און לינקס, ווייסט יעדער איינער וואס רעכטס איז, און וואס איז לינקס, עס איז נישט דא אויף דעם קיין כי יפלא ממך דבר למשפט, עס איז נישט דא אין דעם קיין ספק. און ווען דער חכם וועט זאגן אויף ימין אז עס איז שמאל, אויף די רעכטע זייט וועט ער זאגן אז עס איז די לינקע זייט, איז ער יצא מדעתו, מען קען אים נישט פאלגן. ווען דער חכם וועט זאגן אויף טאג אז עס איז נאכט, איז נישט שייך צו זאגן לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל. יעצט איז טאג, עס איז נישט נאכט. מען קען נישט טון יעצט א מצוה וואס מען דארף טון ביינאכט. ווען ער וועט זאגן אז היינט איז פסח, און מען דארף עסן מצות יעצט, דארף מען נישט פאלגן. פארוואס זאגט די תורה אזא משל, אפילו ער זאגט דיר על ימין שהוא שמאל ושמאל שהוא ימין, דארף מען אים פאלגן.

**עס** קען אפשר זיין לענינינו, מען שטייט ערב ראש חודש אלול, מיר ווייסן אז **א יוד דארף לעבן שטענדיג מיט א חשבון. וויסן מה חובתו בעולמו, וואס טוט ער דא אויף דעם עולם. פארוואס איז ער געקומען אויף די וועלט, און וואס ער דארף אויפטון**

**אויף די וועלט. און פון צייט צו צייט דארף זיך א מענטש מאכן א חשבון הנפש, איבערקוקן זיינע מעשים, וואו ער האלט. ווען א מענטש האט א געשעפט, מאכט ער א געוויסן חשבון, וואס ער האט פארדינט, וואס ער האט דערלייגט, און וואו ער דארף צו פארערכטן. אזוי דארף זיין א מענטש, לעבן שטענדיג מיט א חשבון.**

**יעדן** טאג, ווען עס קומט ביינאכט, ער לייגט זיך, איז א זמן פון חשבון הנפש, ווי אזוי איז מיר אדורכגעגאנגען דער היינטיגער טאג. ווי אזוי האב איך געלערנט, ווי אזוי האב איך געדאווענט, בין איך נכשל געווארן אין א זאך וואס דארף א תיקון, איך וועל זעהן דאס מארגן מתקן צו זיין, איך זאל נישט נאכאמאל נכשל ווערן. עס קומט סוף חודש, ערב ראש חודש איז א זמן איבערצוטראכטן דעם גאנצן חודש ווי אזוי עס איז אדורכגעגאנגען, און וואס דארף איך מתקן זיין אויפן קומענדיגן חודש. און כל שכן ווען עס קומט סוף פונעם יאר, דארף א מענטש מאכן א חשבון אויפן גאנצן יאר, אויף די צוויי זמנים וואס עס איז אדורכגעגאנגען. דאס איז דער חודש אלול וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, עס איז ימי רחמים ורצון, א זמן פון א חשבון הנפש אויפן עבר ווי אזוי עס איז אדורך. און כל שכן ווען מען שטייט ערב ראש חודש אלול. עס איז ערב ראש חודש וואס יעדן ערב ראש חודש איז א זמן פון א חשבון אויפן גאנצן חודש. ערב ראש חודש אלול איז א חשבון הנפש פון א גאנץ יאר. מען דארף זיך מאכן א חשבון ווי אזוי עס איז אדורכגעגאנגען, און זעהן וואס מען דארף מתקן זיין.

**אלע יארן דארף מען מאכן א געוויסן חשבון, און דאס יאר איז עס ספעציעל נוגע פאר בני תורה, וואס עס איז געווען א געוואלדיגער רפיון התורה, דער מצב וואס עס האט זיך געמאכט. מען האט נישט געקענט לערנען בחבורה געהעריג צוזאמען, מען איז געווען אפגעטיילט, מען האט נישט געקענט לערנען די אלע שעות, אזוי ווי מען לערנט אין א בית המדרש. דאס דאווענען איז נישט געווען ווי עס דארף צו זיין, א גרויס חלק האבן געדאווענט ביחידות, אן א מנין, אן א געהעריגע סביבה ווי בני תורה דארפן צו דאווענען. און מען ווייסט בטלה מביאה לידי שיעמום** (כתובות נט:)**, עס האט אסאך אראפגעברענגט די מדריגות וואס מען האט געהאט פון פריער, דורך דער מצב וואס עס האט פאסירט. איז אוודאי אז ווען עס קומט סוף פונעם יאר, דארף מען זיך מאכן א שטיקל חשבון, און זעהן מתקן זיין וואס עס איז נפרץ געווען, און אנהייבן מיט א פרישן חיות.**

*

**ווען** מען רעדט צו בחורים איז דא צוויי סארט שמועסן וואס עס דארף צו זיין. עס איז דא וואס מען דארף רעדן צו די וואס האבן מצליח געווען, וואס זיי האלטן אז זיי האבן מצליח געווען. וואס פאר זיי דארף מען זאגן א געוויסן מוסר, אז אפשר האט עטץ נישט מצליח געווען וויפיל עטץ וואלטס געקענט! מען וואלט געדארפט נאך מער שטייגן. און עס איז דא א געוויסע נקודה וואס מען דארף רעדן צו דעם שוואכערן, וואס האט זיך געפלאגט, און ער איז נישט אנגעקומען וויפיל ער האט געמיינט ער וועט אנקומען, און ער ווערט צובראכן ביי זיך, אז ער קען נישט ווייטער ממשיך זיין. ביידע דארפן האבן חיזוק, יעדער איינער אין זיין וועג.

**ווען מען רעדט פון די מופלגים, וואס האבן כשרונות, ער האט א גוטן קאפ, און ער כאפט אויף שנעל דאס לערנען, און ער פארשטייט וואס ער האט געלערנט, און ער האט אויסגעהערט דעם שיעור, ער דארף נישט ארײנלייגען אסאך מיה איבערצוחזר'ן דעם שיעור, ער האט עס תופס געווען שנעל, ער האט א גוטן זכרון און א גוטן כשרון. און ער פארלאזט זיך אויף דעם, איך פארשטיי שוין דעם שיעור, איך האב יוצא געווען, איך קען וואס מען האט געלערנט. פאר אים דארף מען אויפקלערן, אז דו האסט נישט יוצא געווען! אז דער אייבערשטער האט דיר געגעבן אז דו ביסט א בעל כשרון, דארפסטו אויסנוצן די צייט מער ווי א צווייטער! דו דארפסט האבן יגיעות התורה מער ווי אן אנדערער! דאס וואס א אנדערער קען, איז ביי דיר נישט געקענט. ווייל מיט דיין קאפ וואלסטו געקענט אנקומען אסאך און אסאך מער וויפיל דו האסט. דו ביסט נישט יוצא מיט דעם וואס דו האסט געלערנט די שיעורים פון די ישיבה, און דו קענסט וואס מען האט גערעדט ביים שיעור, דו דארפסט זיך ארײנלייגן מער בעיון, און מער ארײנגיין אין די סוגיא, לערנען טיפער ווי א צווייטער! דו דארפסט צולערנען נאך א לימוד אין דער זייט, דו זאלסט קענען מסיים זיין נאך א מסכתא אין די צייט וואס דו ביסט אין ישיבה. דו ביסט דאך א בעל כשרון! מען פארלאנגט**

**פון א מענטש, וויפיל דו קענסט דארפסטו אויסנוצן פארן אייבערשטען. עס איז נישט געגנוג אז ער האט זיך צוגעשטעלט צו די שיעורי ישיבה. ער רעדט זיך איין אז ער איז וואויל, אז ער איז פיין, ער קען, אויף אלע בחינות באקומט ער א הונדערט. דו ביסט נישט יוצא מיט דעם אז דו האסט געקענט די בחינות פון די ישיבה, אויף דיר ליגט א חיוב דו דארפסט אסאך מער קענען און אנקומען פון וויפיל דו ביסט אנגעקומען.**

**פון** די צווייטע צד, **פאר דעם בחור וואס איז נישט דער גרויסער בעל כשרון ער זאל קענען צו קומען צו דעם אלעם, און ער פלאגט זיך וויפיל ער קען, ער לייגט אריין אזויפיל שעות ער זאל קענען. אשרי חלקו וואס ער פלאגט זיך אויף לימוד התורה! אבער אסאך מאל איז ער צובראכן ביי זיך, איך בין נישט אנגעקומען צו דעם וואס דער חבר איז אנגעקומען. דארף מען אים געבן חיזוק, און אים זאגן, דו ביסט נישט מחויב אנצוקומען וויפיל יענער קומט אן! אז דו געבסט אוועק דיין צייט, דער אייבערשטער ווייסט וויפיל דו האסט דיך געפלאגט אויף די תורה, און וויפיל דו האסט אריינגעלייגט מיה אז דו זאלסט קענען וואס דו האסט געלערנט, דארפסטו מחשיב זיין דיין לימוד התורה. דו האסט מצליח געווען דעם זמן! דו שטייסט העכער פון וואס דו ביסט געשטאנען פריער! דו האסט אוועקגעגעבן דיין צייט פאר תורה, ביסטו א בחור א מוצלח.**

**מען** געפינט אין די גמרא (שבת סג.), אז אויף תורה שטייט (משלי ג-טז) אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד. דער באשעפער באצאלט פאר תורה. אורך ימים בימינה, אין די רעכטע זייט איז דא אריכת ימים וואס דער אייבערשטער גיט, ובשמאלה גיט דער אייבערשטער עושר וכבוד. זאגט די גמרא, וואס מיינט עס די רעכטע זייט און די לינקע זייט, אז דא איז דא אורך ימים און דא איז דא עושר וכבוד. זאגט די גמרא למיימינים בה איז דא אורך ימים, ולמשמאילים בה איז דא עושר וכבוד. טייטשט רש״י איין פשט, למיימינים בה, די זאך וואס א מענטש פלאגט זיך דערויף, און ער וויל אז עס זאל געלונגען, און ער וויל אז די ארבעט וואס ער האט געמאכט זאל אויסקומען, נוצט ער זיין רעכטע האנט. די לינקע האנט איז א שוואכע האנט, מיט די לינקע האנט מאכט מען נאר א זאך וואס איז כלאחר יד. ווען א מענטש לייגט זיך אריין אין א זאך, און ער וויל די זאך אויספירן, נוצט ער זיין רעכטע האנט, דאס איז דער למיימינים בה. ווען א מענטש פלאגט זיך אויף תורה, און ער לייגט אריין זיין גאנצע יגיעה אין די תורה אזוי ווי מיט די רעכטע האנט, אורך ימים בימינה, וועט אים דער אייבערשטער געבן אורך ימים. ובשמאלה, ווען ער לערנט תורה בשמאל, מיט די לינקע האנט, די לינקע האנט איז א שוואכע האנט, ער לערנט תורה אבער ער מוטשעט זיך נישט, ער שטרענגט זיך נישט אן פאר תורה, וועט ער באקומען עושר וכבוד, דו האסט דאך געלערנט, באצאלט דיר דער אייבערשטער, אבער נישט מיט אריכת ימים, נאר מיט עושר וכבוד.

**און** די גמרא זאגט, אז די מיימינים בה איז נישט נאר אורך ימים בימינה, נאר עושר וכבוד וועט ער אוודאי האבן, מען גיט אים אויך צו אורך ימים. ער וועט האבן ביידע, אורך ימים בימינה, וכל שכן עושר וכבוד. ווען א מענטש פלאגט זיך אויף תורה, ער איז מיימינים בתורה, וועט אים דער אייבערשטער געבן אריכת ימים, און דער אייבערשטער וועט אים געבן פארמעגן, וואס דו דארפסט ווערסטו זוכה זיין דורך תורה. ולמשמאילים בה, דו פלאגסט זיך נישט אויף תורה, עושר וכבוד איכא, עס וועט קומען עושר וכבוד, אבער נישט קיין אריכת ימים.

**קומט** אויס, אז עס איז דא צוויי ערליי תורות, עס איז דא מיימינים, עס איז דא וואס געבן אוועק זייער גאנצער כח פאר תורה. און עס איז דא משמאילים, ער איז יוצא, ער האט א גוטן קאפ, און ער דארף נישט אריינלייגן קיין סאך פלאג אין זיין תורה, און ער לערנט זיין תורה ווי די משמאילים. פאר די מיימינים בה איז דא אורך ימים ועושר וכבוד, דער וואס לייגט אריין זיין פלאג אין תורה, וועט אים דער אייבערשטער געבן סיי אריכת ימים און סיי עושר וכבוד. למשמאילים בה, אפילו דו קענסט, דו ווייסט אלעס וואס דו האסט געלערנט, אבער דו ביסט משמאילים, דו האסט געלערנט תורה מיט א שוואכקייט, נאר כלאחר יד האסטו געלערנט תורה, דו האסט נישט אריינגעלייגט דיין גאנצע פלאג אין תורה, עושר וכבוד איכא, אורך ימים ליכא, עס איז דא עושר וכבוד, אבער עס איז נישט דא קיין אורך ימים.

**דער** חכם זאגט אסאך מאל, פארן ימין זאגט ער אז דו ביסט שמאל, דער ימין וואס האלט זיך ער איז

ימין, ער איז אנגעקומען אין תורה ווי עס דארף צו זיין, ער קען יעדע וואך וואס מען האט געלערנט, ער קען אלעס וואס מען האט געלערנט דעם יאר, ער קען זיך שטעלן אויף א בחינה, עס דאכט זיך אים אז ער איז א ימין. זאגט אים דער חכם, דו זאלסט וויסן, דו ביסט נישט קיין ימין, דו האסט געקענט אזויפיל קענען אין דעם יאר, דו ביסט א שמאל, דו האסט נישט אויסגענוצט דיין גאנצן כח התורה, דו ביסט נאר צוגעגאנגען צו די תורה גרינגערהייט, דו ביסט א בעל כשרון וועגן דעם קענסטו. און ער טוט אים מעורר זיין דערויף, אז עס איז נישט גענוג דאס וואס דו שפירסט זיך אז דו קענסט וואס דו האסט געלערנט. א ימין קען אמאל זיין, דער גוטער בחור קען אמאל זיין, אז כלפי שמיא איז ער א שמאל, ער האט זיך נישט אנגעשטרענגט פאר תורה, עס איז אים אנגעקומען גרינג.

**למשמאילים** בה, דער וואס האלט אז ער איז נישט קיין סאך אנגעקומען, איך האב מיך געפלאגט, און איך בין נישט אנגעקומען קיין סאך. זאגט דער חכם פארן שמאל, שהוא ימין, דו ביסט דער ימין, דו האסט אוועקגעגעבן דיין פלאג פאר תורה, דו האסט דיך געמוטשעט, יעדע תוספות איז דיר אנגעקומען שווער, יעדע גמרא וואס דו האסט געלערנט האסטו דיך געמוטשעט דערויף דו זאלסט עס קענען פארשטיין, דו וועסט זוכה זיין נישט נאר צו עושר וכבוד, נאר צו אורך ימים און כל שכן עושר וכבוד.

**לא** תסור מן הדבר אשר יגידו לך, דו זאלסט נישט אוועקגיין פון דעם וואס דער חכם זאגט דיר. ווען ער איז מעורר פאר דעם ימין, און ער זאגט אים דו ביסט א שמאל. דו מיינסט אז דו ביסט א ימין, דו רעדסט זיך איין אז דו ביסט אזוי, אבער דו ביסט נישט פון די מיימינים בה, דו לייגסט נישט אריין דיין כח אין תורה, דו ביסט א שמאל. אויף שמאל זאגט ער שהוא ימין, פאר דעם שמאל איז ער מחזק אז ער איז א ימין. אז דו האסט זיך געפלאגט אויף תורה, איז זייער חשוב אין הימל וואס דו האסט געלערנט תורה, דער אייבערשטער וועט דיר באצאלן כפל און כפלי כפליים אויף דיין פלאג אין תורה. דאס איז אין חלק התורה.

*

**נאכדעם** זאגט די גמרא (שבת לא.) יראת ה' היא אוצרו (ישעיה לג-ו), אפילו מען קען גאנץ תורה, אמונת עתיך חסן ישועת חכמת ודעת, וואס די גמרא (שם) דרשנ'ט אז עס גייט ארויף אויף אלע חלקים פון תורה, פון דעסט וועגן דאך יראת ה' היא אוצרו, אי איכא יראת ה' אין, אי לא לא. טאמער מען לערנט תורה און עס פעלט די יראת ה', עס פעלט די ערליכקייט, האט נישט די תורה א חשיבות. תורה גייט צוזאמען מיט יראת ה' טהורה עומדת לעד.

**יראת ה' איז טייטש, פשוטו כמשמעו, מורא האבן פונעם אייבערשטען! מורא האבן צו טון א זאך אקעגן די תורה. א זאך וואס מען טאר נישט זעהן, א זאך וואס מען טאר נישט רעדן, א זאך וואס מען טאר נישט טון, האט ער מורא צו טון, ער האט יראת ה'. אז די תורה איז מצווה עפעס נישט צו טון, האט ער יראה עובר צו זיין אויף די ווערטער פונעם אייבערשטען.** ער פאלגט אלעס וואס דער באשעפער זאגט, דאס איז אוצרו, דאס איז דער עיקר פונעם אוצר, פון וואס מען לערנט.

**אין** די גמרא איז משמע, אז יראת ה' היא אוצרו. אז די תורה זאל זיין זיין אוצר, ער זאל געדענקען וואס מען לערנט, אז מען זאל נישט פארגעסן וואס מען לערנט, ווענדט זיך עס אין זיין יראת שמים. **עס קען אמאל זיין א גוטער בחור אין ישיבה, און מען זעהט שפעטער אז עס איז גארנישט אויסגעוואקסן פון אים, ער איז געווארן א ביזנעסמאן, און א פשוטער ביזנעסמאן, ער איז געווארן אויס בן תורה, דאס איז ווייל עס האט געפעלט יראת ה' פון זיין תורה,** עס איז נישט געבליבן קיין אוצר פון די תורה וואס ער האט געלערנט. אז מען וויל אז די תורה וואס מען האט געלערנט, זאל זיך האלטן ביים מענטש, דארף ער האבן יראת ה', אפגעהיטן זיין אין א נדנוד עבירה.

*

**מען** געפינט אין די גמרא (ברכות לב:), אז עס איז דא נאך א גרעסערע מדריגה, חסידים הראשונים, וואס האבן אוועקגעגעבן אסאך צייט פאר דאווענען. יעדן טאג, האבן זיי אוועקגעגעבן פאר יעדע תפלה דריי שעה. זיי האבן זיך צוגעגרייט צום דאווענען א שעה, זיי האבן געדאווענט א שעה, און נאכן דאווענען, זיי זאלן קענען אראפקומען צוריק, האט אויסגעפעלט נאך א שעה וואס זיי זאלן שוהה זיין. דריי תפלות יעדן טאג, ניין שעה איז אוועקגעגאנגען ביים דאווענען. די גמרא פרעגט, אז מען גיט אוועק

אזויפיל צייט פאר דאווענען, וואס טוט זיך מיט זייער תורה? ווען האבן זיי געלערנט?! [אויסער די ניין שעה, האבן זיי געהאט נאך ניין שעה וואס זיי האבן געקענט לערנען, אבער ניין שעה אוועקצוגעבן פאר דאווענען?]. זאגט די גמרא, מתוך שחסידים הם, וויבאלד זיי זענען געווען חסידים, תורתם משתמרת, וואס מען האט געלערנט, האט מען נישט פארגעסן. וואס איינער דארף אוועקגעבן צייט איבערצו׳חזר׳ן נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל ביז ער געדענקט דעם בלאט גמרא, אז מען פירט זיך ערליך, איז ער זוכה אז מען פירט זיך מיט אים לפנים משורת הדין, אזוי ווי חסידים האבן זיך געפירט, וואס א חסיד איז טייטש אז מען טוט לפנים משורת הדין, איז ער זוכה צו תורתם משתמרת, ער דארף ווייניג חזר׳ן, די תורה האלט זיך ביי אים, ער געדענקט וואס ער האט געלערנט.

**אין** ירושלמי (ברכות ה-א) שטייט, ותורתן מתברכת, עס קומט צו א ברכה אין די תורה. נישט נאר ער געדענקט וואס ער האט געלערנט, **אן ערליכער בחור בשעת ער לערנט, גיט אים דער אייבערשטער ארויין סייעתא דשמיא, דו האסט היינט געדאווענט ערליך, דו האסט דיך געפירט ערליך, דו האסט געהאט א נסיון פון אן עבירה און דו האסט דיך אפגעהיטן דערפון, ווען דו זעצט דיך אראפ לערנען, וועט דיר זיין אפען, דו וועסט גראד פארשטיין וואס די גמרא׳ס קשיא איז, און וואס דער תירוץ איז, און וואס תוספות האט געפרעגט, און וואס דער קצות האט געפרעגט, און וואס דער נתיבות האט געענטפערט דערויף, אלעס וועט דיר קלאר ווערן, עס איז תורתן מתברכת.** עס ליגט א געוואלדיגע ברכה אין תורה, פאר דעם וואס פירט זיך אויף ערליך. אז מען דאווענט ווי עס דארף צו זיין, און זיין יראת ה׳ איז על פניו, איז תורתן משתמרת און תורתן מתברכת, עס ליגט א ברכה אין די תורה וואס מען האט געלערנט.

*

**דער** הייליגער **חתם סופר** זאגט די וואך אין די פרשה (עד:), ביי דעם זקן ממרא שטייט (דברים יז-יב), והאיש אשר יעשה בזדון לבלתי שמוע אל הכהן העומד לשרת שם את ה׳ אלקיך, דער תלמיד חכם וואס קומט ארויף, און ער האלט אזוי, און דער כהן העומד אין בית המקדש זאגט אים אנדערש, און ער וויל נישט פאלגן, ער וויל נישט הערן וואס דער כהן העומד לשרת שם את ה׳ אלקיך זאגט. ומת האיש ההוא, קומט אים מיתה, ובערת הרע מישראל, וכל העם ישמעו ויראו, יעדער זאל עס הערן, און מען זאל מורא האבן, ולא יזידון עוד, מען זאל נישט טון אזא זאך. פרעגט דער הייליגער חתם סופר, ווי קומט אהער וכל העם ישמעו ויראו. דער תלמיד חכם פריוואט האט געהאט א שאלה, צו דער חלב איז מותר צו דער חלב איז אסור. ער האלט אז מען מעג, און ער גייט פרעגן דעם כהן אין בית המקדש. און יענער זאגט אים אנדערש ווי ער האלט, און ער פאלגט נישט, עס איז א פריוואטע זאך וואס ער האט געהאט צו טון מיט דעם כהן, מיט דעם תלמיד חכם. ער איז חייב מיתה ער האט געטון אן עבירה, ער האט נישט געפאלגט וואס דער כהן האט אים געזאגט. אבער וואס איז דער וכל העם ישמעו ויראו, וואס האט עס צו טון מיטן אים, וואס זאל מען דערהערן, וואס זאל מען דא מורא האבן. עס איז עפעס נוגע פאר אונז? אונז האב מיר נישט געהאט קיין שאלה פון זקן ממרא. - נאכדעם פרעגט דער חתם סופר, ער זאגט לבלתי שמוע אל הכהן העומד לשרת שם את ה׳ אלקיך, אונז ווייס מיר נישט וואס א כהן איז, אז א כהן שטייט לשרת את ה׳? ער וואלט געדארפט זאגן, לבלתי שמוע אל הכהן, ער וויל נישט צוהערן צו דעם כהן. וואס גיט ער צו, העומד לשרת שם את ה׳ אלקיך.

**זאגט** דער הייליגער חתם סופר, דער כהן וואס איז געווען אין בית המקדש, דער האט זיך אפגעגעבן א חלק פונעם טאג פאר ערליכקייט, ער האט אוועקגעגעבן שעות פארן דאווענען, ער האט אוועקגעגעבן שעות מקריב צו זיין קרבנות פארן אייבערשטען. ער האט נישט אזויפיל צייט צו לערנען, ווייל ער איז דאך געווען א עובד ה׳, ער טוט די עבודה אין בית המקדש. דער חכם וואס קומט אים פרעגן די שאלה, ער איז א יוד וואס זיצט און לערנט ביי זיך אינדערהיים פון צופרי ביז ביינאכט, און ער האט מברר געווען די הלכה אזוי און אזוי. און ער קומט צו דעם כהן, און דער כהן זאגט אים, ניין, די הלכה איז אנדערש ווי דו זאגסט, און ער איז מחויב צו פאלגן דעם כהן. ער קוקט זיך אן, איך בין מחויב צו פאלגן דעם כהן? ווער לערנט מער, איך צו דער כהן? איך לערן צוועלף שעה א מעת לעת, אכצן שעה א מעת לעת, דער כהן לערנט די העלפט, ער גיט אוועק

אזויפיל צייט פאר דאווענען און מקריב צו זיין קרבנות, ער פארשטייט בעסער די תורה ווי מיר?!

**זאגט** די תורה הק', יא! דער כהן וואס איז עומד לשרת את ה', מתוך שחסידים היו תורתן משתמרת, תורתן מתברכת, ער האט א ברכה אין זיין תורה, ער איז מער מכוין לאמיתה של תורה פון דיר. דו ביסט טאקע א תלמיד חכם, דו זיצט און דו לערנסט א גאנצן טאג, אבער די חסידות וואס דער כהן האט, וואס ער איז עומד לשרת שם את ה', ער באדינט דעם אייבערשטען, דער כח וואס דער כהן האט אין זיין תורה, דאס האסטו נישט. און דו ביסט מחויב זיך צו בייגן און הערן וואס דער כהן זאגט דיר.

**און** טאמער ער פאלגט נישט דעם כהן, איז דאך טייטש אז ער איז נישט מחשיב עבודת ה', ער האלט אז תורה איז חכמה, און ער איז מער חכם ווי דער כהן וואס איז עומד לשרת את ה'. זאגט דער הייליגער חתם סופר, איז ער יעצט מבטל דעם גאנצן יראת שמים וואס א יוד דארף האבן. ער זאגט אז דער כהן וואס דינט דעם אייבערשטען אין בית המקדש, האט נישט דעם קלארן כח אין תורה ווי ער האט. זאגט די תורה הק', והאיש אשר יעשה בזדון, דער וואס וועט טון בזדון, לבלתי שמוע אל הכהן, ער וויל נישט צוהערן צו דעם כהן. פארוואס וויל ער נישט צוהערן צו דעם כהן, ווייל ער זאגט העומד לשרת שם את ה' אלקיך, ער זיצט נישט און לערנט א גאנצן טאג, ער דאווענט, ער גיט אוועק צייט פאר קרבנות, האט ער נישט קיין קלארן דעת תורה, ער זאל מיר איינטיילן וואס צו טון. זאגט די תורה, עס קומט אים מיתה. ווייל יראת ה' היא אוצרו, ער איז מכוין צו תורה, און נישט דו. און וכל העם ישמעו ויראו, מען זאל וויסן אז מען האט גע'הרג'עט דעם מענטש וואס ער האט זיך נישט אונטערגעווארפן אונטער דעם חסיד, דעם כהן העומד לשרת שם את ה', האט ער מיט דעם צובראכן דעם כח פון ערליכקייט, איז וכל העם ישמעו, זאל מען דאס הערן, ויראו.

**זוכה** זיין צו תורה, עס זאל זיין תורתן משתמרת, און תורתן מתברכת, **וויפיל פלאגט מען זיך אויף תורה, און מען געדענקט נישט וואס מען האט געלערנט. וויפיל דארפן מען זיך אסאך מאל פלאגן אויף תורה, און עס איז נישט דא קיין ברכה. דער היינטיגער טאג איז אים נישט געגאנגען, דער קאפ איז אים געווען פארשטאפט, עס האט זיך נישט געלערנט ווי עס דארף צו זיין. דארף מען איבערטראכטן וואס האב איך געטון נעכטן, וואס האב איך געטון אייערנעכטן. אפשר האב איך גערעדט א זאך וואס מען דארף נישט, אפשר האב איך גערעדט לשון הרע אויף מיין חבר, אפשר האב איך געטשעפעט מיין חבר, ולא תונו איש את עמיתו** (ויקרא כה-יז)**, יעדע ווארט וואס מען טשעפעט יענעם, איז מען עובר א לאו אין די תורה. די מויל וואס האט געטשעפעט יענעם, קען נאכדעם נישט לערנען תורה, און זוכה זיין צו אמיתה של תורה! ווי אזוי איז געווען מיין דאווענען די וואך, האב איך גדאווענט ווי אזוי א יוד דארף צו דאווענען, בין איך אריינגעקומען אין בית המדרש באצייטנס, און געזאגט די ברכות, און גדאווענט פון פארענט, און נישט געקוקט ארום דעם גאנצן בית המדרש וואס עס טוט זיך בשעתן דאווענען, נאר איך בין געשטאנען כעומד לפני המלך, און איך האב מתפלל געווען, דעמאלטס איז מען זוכה דערצו, אז עס זאל קענען זיין תורתן משתמרת, ותורתן מתברכת, צו האבן א ברכה אין תורה, און די תורה זאל זיין אפגעהיטן.**

*

**די** עיקר פון תורה ווייסט מען דאך, איז דאך תורה לשמה, לערנען תורה ערליך. נישט וועגן עושר וכבוד, און נישט וועגן אורך ימים בימינה, נאר דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה, און דער אייבערשטער האט אונז געהייסן לערנען, אויף דעם געפינען מיר זיך דא אויף דער וועלט. איין זאך, טון דעם רצון המקום! עולם הזה דומה לפרוזדור בפני טרקלין, עס איז נאר א פארצימער פארן עולם הבא, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין (אבות ד-טז). דו זאלסט טראכטן אז אויף די וועלט דארף מען אריינכאפן יעדע מינוט, און אויסנוצן די צייט, נאך לערנען, טון נאך א מצוה, נאך דאווענען און טון דעם רצון ה', אוועקצוגעבן אונזער צייט פארן אייבערשטן, דאס איז תורה לשמה. אז מען לערנט תורה ערליך אן קיין שום חשבונות, אן קיין שום שכר וואס מען וועט באקומען דערפאר, עס איז טאקע אין הקב"ה מקפח שכר כל בריה, דער באשעפער באצאלט פאר יעדע ריר וואס א יוד האט געטון פארן אייבערשטען, אבער נישט פאר דעם דארפן מיר דינען דעם אייבערשטען. מיר דארפן דינען דעם

אייבערשטן ערליך לשמה, טון א נחת רוח שאמר ונעשה רצונו, דער אייבערשטער האט אזוי געהייסן, און עס איז געטון געווארן דער רצון פונעם אייבערשטען, אזוי דארף זיין אונזער תורה.

**וועגן** דעם זאגט די תורה הק' די וואך ביי די פרשה פון מלך, לבלתי רום לבבו מאחיו, ער זאל זיך נישט האלטן שטאלץ איבער די ברודער, ולבלתי סור מן המצוה ימין ושמאל, אמאל טוט מען די מצוה וועגן ימין, און אמאל טוט מען עס וועגן שמאל. אורך ימים בימינה, ובשמאלה עושר וכבוד. זאגט די תורה, ולבלתי סור מן המצוה, ער זאל נישט אוועקגיין פון די עצם מצוה אליין, נאר ער טוט די מצוה ווייל ער איז מצווה פונעם אייבערשטען צו טון. ער זאל זיך נישט בייגן אויף ימין, איך וועל האבן אורך ימים דערפאר, און אויף שמאל, איך וועל האבן עושר וכבוד פאר די מצוה וואס איך טוה, נאר לבלתי סור מן המצוה, ער דארף טון די מצוה ווייל דער אייבערשטער האט אזוי מצוה געווען, פארדעם טוה איך עס.

**אוודאי** איז עס א געוואלדיגע מדריגה, און דאס איז נוגע ווען מען ווערט עלטער, מען דארף וויסן דעם ציל צוצוקומען דערצו. אבער אין די יונגע יארן, לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצוות אפילו שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה (פסחים נ:). **עס איז נישט קיין חסרון ווען א בחור לערנט כדי ער זאל זיין דער בעסטער אין די כתה, כדי ער זאל קענען באקומען די בעסטע מאר"ק אויף די בחינה, עס איז נישט קיין חסרון, מען מעג לערנען שלא לשמה, כדי ער זאל באקומען א גוט ווארט פון זיינע עלטערן, פונעם מגיד שיעור, אלעס מעג מען טון. דער ציל דארף אבער זיין, כדי מען זאל צוקומען צו לערנען תורה לשמה.**

**אשריכם** מה טוב חלקכם, מען דארף זיך האלטן גליקליך, אז מיר קענען זיצן אין אזא אוהל של תורה, וואס עס איז אנגעפולט מיט תורה און יראת שמים. מען קען זיצן אויסער די שטאט, אפגעזונדערט פון די וועלט, אין קעמפ איז דאך נישט דא עפעס אנדערש נאר הימל מיט ערד, דער בית המדרש מיט עסן און שלאפן. עפעס אנדערש איז נישט דא. די געלעגנהייט איז אזוי גרויס אויסצונוצען די צייט פאר תורה און עבודת ה'. **מען האלט שוין טאקע ביים סוף פונעם זומער, אבער עס איז די צייט פון א חשבון הנפש. עס גייט אדורך דאס יאר, זיך מאכן א חשבון, וואס האב איך מצליח געווען דאס יאר, רובא דרובא פון בחורים וועלן טרעפן א געוואלדיגער הצלחה וואס ער איז געשטיגן פון וואס ער איז געווען א יאר פריער. און פון די אנדערע זייט, עס דארף זיין א חשבון פון די מיימינים בה, דער וואס האלט זיך אז ער איז טאקע אנגעקומען, אפשר וואלט ער געקענט אנקומען מער, אפשר דארפסטו זיך פארנעמען צו לערנען נאך א זאך אין די זייט, דו זאלסט קענען נאך א מסכתא.**

*

**עס** קומט א לאנגער בין הזמנים, מען גייט צוריק אין די שטאט, און עס הייבט זיך אן פרישע נסיונות. מען איז געווען צוויי חדשים אפגעזונדערט דערפון, און מען דארף אריינגיין מיט א הכנה דערצו. וויסן אז יראת ה' היא אוצרו, נישט פארלירן וואס מען האט געלערנט א גאנץ יאר. אז מען וויל עס זאל זיין תורתן משתמרת, עס זאל זיך האלטן די תורה וואס מען האט געלערנט, עס זאל נישט פארגעסן ווערן, פארלאנגט זיך די יראת ה' וואס מען דארף האבן דערצו, ווען עס איז דא די יראת ה' היא אוצרו, דעמאלטס בלייבט די תורה אן אוצר.

**ווען** מען גייט אריין אין שטאט דארף מען זיך פארנעמען, נאר צו זיצן באהלה של תורה, און זיך נישט דרייען אויף די גאסן. **א בחור האט נישט ווי צו זיין, נאר אדער אינדערהיים אדער אין בית המדרש, ערגעץ אנדערש איז נישט דא ווי ער דארף זיך צו דרייען!** דעמאלטס איז ער אפגעהיטן, און ער קומט נישט צו, צו קיין מכשול, און צו טון עבירות.

**דער** עיקר איז תפלה. אלול און תשרי זענען צוויי חדשים פון מרבה זיין בתפלה. פון חודש אלול אן הייבט מען אן צו זאגן מער תהלים, מעורר צו זיין רחמים. **יעדער דארף האבן רחמים ווי אזוי די קומענדיגע יאר וועט אויסזעהן. אין די וועלט איז דאך דא א אנגעצויגענע צייט ל"ע פון די מגיפה וואס גייט ארום, קיינער ווייסט נישט ווי אזוי דאס וועט אויסקוקן שפעטער. מען דארף מרבה זיין בתפלה, בעטן פונעם אייבערשטען, עס זאל זיין א גליקליך יאר און א לוסטיג יאר, עס זאל נישט זיין קיין שום מניעות פון תורה און עבודת ה'.** מרבה זיין בתפלה, מען הייבט אן צו זאגן מער תהלים ווי מען פלעגט צו

זאגן ביז יעצט, כדי זיך צוצוגרייטן צו די הייליגע טעג פון ראש השנה. לדוד ה' אורי, בראש השנה (ויק"ר כא-ד), עס קומט א געוואלדיגע ליכטיגקייט ראש השנה, וואס יעדער קען זוכה זיין דערצו, מען דארף אבער זיך מאכן א כלי פאר דעם, כדי מען זאל קענען צוקומען דערצו.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל מצליח זיין אין תורה און עבודת ה', קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב. איך וויל געבן א עקסטערע ברכה פארן ראש ישיבה זאל זיין געזונט, דער אייבערשטער האט אים געגעבן די זכיה אויפצושטעלן אזא שיינעם מבצר התורה, ער זאל קענען ווייטער אויך ממשיך זיין גרינגערהייט, קענען אריינלייגן אין ענק תורה און עבודה און יראת שמים, זעהן פון ענק אסאך שמחות און נחת, ענקערע עלטערן זאלן זעהן ביי ענק נחת. און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **אברהם בראדי** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש של הישיבה גדולה. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות ובמוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**מען** האט מיר נעכטען נאכגעזאגט פונעם **לב שמחה,** אז עס איז געבוירן ביי איינעם א צווילינג, און ער איז אריינגעגאנגען צום לב שמחה, אז עס איז אים געבוירן צוויי יונגלעך. האט ער געזאגט, צדק צדק תרדוף (דברים טז-כ). און ער האט מסביר געווען, אז ביי א ברית זאגט מען, אשר שש לעשות צדק בגילה, אז ער האט זיך געפריידט צו מאכען דעם צדק בגילה. זעהט מען אז מען רופט אן א ברית, מיטן נאמען צדק. און אז דו האסט צוויי ברית'ן, איז עס 'צדק צדק' תרדוף.

**פארוואס** ווערט א ברית אנגערופן צדק. מען ווייסט אז מען קען נישט זוכה זיין צו תורה, אן די קדושה פון ברית מילה. אזוי שטייט אין מדרש (תנחומא משפטים ה) אז א גר האט זיך מגייר געווען, ווייל ער האט געוואלט לערנען חכמת התורה. און דער מלך האט אים געפרעגט, פארוואס האסטו זיך געדארפט מל'ן, האסט דאך געקענט לערנען אזוי אויך. האט ער געזאגט, אז ווילאנג מען מל'ט זיך נישט, קען מען נישט פארשטיין תורה. לא עשה כן לכל גוי, ומשפטים בל ידעום (תהלים קמז-יט), אויב עס איז נישט דא קיין מילה, איז נישט דא קיין תורה. קומט אויס, אז מילה דאס איז די כניסה פון א קינד אז ער זאל קענען שפעטער אויסוואקסען א תלמיד חכם. מען וואונטשט אזוי אן, כשם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה, איז א סימן אז עס האט א קשר דער כניסת ברית מיט תורה.

**תוספות** (חגיגה טו.) ברענגט צו א ירושלמי (שם ב-ה), אז מען דארף מתפלל זיין אויפן קינד, בשעת מען מאכט א ברית. תוספות ברענגט צו, אז אחר איז יצא לתרבות רעה, ווייל זיין פאטער האט מתפלל געווען אין דעם טאג, אז דאס קינד זאל אויסוואקסען אזוי גרויס ווי די תנאים וואס זענען געווען דארט, און זיין כוונה איז נישט געווען אינגאנצן לשם שמים, נאר פאר די גרויסקייט און די חשיבות וואס ער האט געזעהן פון תורה, האט עס געהאט א השפעה אויפן קינד, אז דאס קינד איז נישט אויסגעוואקסען שפעטער אזוי ווי עס וואלט געדארפט צו זיין. אחר איז געווען קודם א אדם גדול, ער איז געווען פון די ארבעה שנכנסו לפרדס, איז ער דאך געווען א דעהויבענער מענטש, אבער עס האט זיך נישט גוט אויסגעשטעלט. זאגט תוספות, ווייל די תפלה וואס ער האט מתפלל געווען אין דעם טאג פונעם ברית, איז נישט געווען א שלימות'דיגע תפלה.

**קומט** אויס, אז אין טאג פון א ברית דארף מען מתפלל זיין אויפן קינד, און דאס גיט נאכדעם דעם כח אז דאס קינד זאל קענען אריינגיין לתורה. 'צדק' איז טייטש סיי תורה און סיי תפלה. תורה ווערט אנגערופן צדק, ווייל די גמרא (חולין פט.) זאגט, מה אומנתו של אדם בעולם הזה, יעשה עצמו כאלם, יכול אף לדברי תורה כן, אין תורה זאל מען אויך נישט רעדן, תלמוד לומר (תהלים נח-ב) צדק תדברון, זעהט מען, אז תורה ווערט אנגערופן צדק.

**תפלה** ווערט אנגערופן צדק, ווייל עס שטייט אין די גמרא (ברכות יד:) אז מען מוז דאווענען בעפאר מען

גייט ארויס אויפן וועג. מען גייט נישט ארויס אויפן וועג ביז מען האט נישט געדאווענט קודם. ווייל עס שטייט אין פסוק (תהלים פה-יד) צדק לפניו יהלך, קודם דארף גיין די תפלה, און נאכדעם וישם לדרך פעמיו. קומט אויס, אז ברית מילה איז פארבינדען אז מען דארף מתפלל זיין, און דאס איז די כניסה פונעם קינד צו תורה. עס איז צדק צדק, אפילו מען האט נישט קיין צווילינג איז אויך דא צוויי צדק'ס. די תפלות וואס מען דארף מתפלל זיין, און כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן **הרה"ג רבי חיים מאיר האגער שליט"א** (בן מחותנו כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א) שהתקיים בשאלעי האטעל.

*

***ערב שבת קודש פרשת שופטים – ב' דר"ח אלול***

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית עם תלמידי הישיבה קטנה. לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר שלמה זלמן פאללאק הי"ו. **רבינו שליט"א** ניגש לפני התיבה לאמירת הלל.

אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***שבת קודש פרשת שופטים***

**רבינו שליט"א** ערך שולחנו בליל שבת קודש ביחד עם תלמידי ישיבתינו הק' בבית המדרש.

בסעודה שלישית בסיום הדברות קודש השמיע **רבינו שליט"א** דיבורים מיוחדים לקראת סיום זמן הקיץ בקעמפ.

***וזה תוכן הדברים:***

**מען** האלט ביים סוף פונעם קעמפ, סוף פונעם יאר, א יוד דארף שטענדיג אפגעבן שבח והודאה פארן אייבערשטן, און בעטן אויפן עתיד. אסאך מאל כאפט מען נישט דעם חסד ה' וואס דער אייבערשטער טוט מיטן מענטש, אז מען זאל קענען געהעריג דאנקען אויף דעם עבר וואס איז אדורכגעגאנגען, און מתפלל זיין אויף ווייטער. מען רעדט יעצט צו די בחורים אין ישיבה, עס איז אדורך א יאר, מען דארף דאנקען דעם רבונו של עולם אז מען האט געהאט די זכיה צו זיצן באהלה של תורה. עס איז א חסד ה', שלא עשנו כגויי הארצות ולא שמנו כמשפחות האדמה, מיר זענען נישט אזוי ווי די גוים וואס דרייען זיך ארום פוסט און ליידיג, זייערע טעג גייען אדורך מלא תאוות און עבירות, און מיר זיצן באהלה של תורה, און מיר פלאגן זיך אויף תורת ה'.

**יעדער** בחור האט אויסערגעווענליך מצליח געווען פון וואס ער איז געשטאנען מיט א יאר פריער, און ווי אזוי ער זעהט אויס היינט. אמאל איז מען צובראכן ביי זיך אז מען האט נישט געגוג יוצא געווען ידי חובתו, אמת עס האט נישט קיין שיעור וויפיל מען קען יוצא זיין, אבער לאמיר יעצט קוקן די גוטע זייט וואס ער האט יא געהאט אין משך פונעם יאר. **די בחורים אין ישיבה קטנה, האבן אדורכגעלערנט גאנץ מסכת גיטין, און א גרויס חלק פון די בחורים קענען די מסכתא אויסענווייניג, פון אנהייב ביז צום סוף, מען קען זיי פאהרערן איבעראל, און זיי קענען זיך שטעלן פאר א בחינה דערויף.** אפילו די וואס זענען נישט אנגעקומען די גאנצע מסכתא לעת עתה, עס איז דא א אלול, עס איז דא א תשרי, עס איז דא צוויי חדשים ביז אנהייב זמן, מען קען אזויפיל קונה זיין, מען קען נאך איבערגיין די בלעטער וואס מען האט פארפאסט, און מען איז נאך נישט אנגעקומען, אז מען זאל קענען צוקומען אנהייב פון די קומענדיגע זמן אז ער זאל קענען די גאנצע מסכת, אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו. און אויך די זייטיגע שיעורים פון משנה ברורה, האט מען אדורכגעלערנט גאנץ הלכות ברכת המזון.

**די ישיבה גדולה האבן אדורכגעלערנט מסכת כתובות, ב"ה וואס רוב בחורים שטעלן זיך פאר א פארהער אויף די מסכתא. אויסערדעם האט מען אדורכגעלערנט מסכת סוכה, תענית, מגילה, וואס מען האט געלערנט אין 'ובהם נהגה'. מען האט געלערנט מקצועות פון שלחן ערוך, מען האט אדורכגעלערנט גאנץ הלכות מוקצה, גאנץ הלכות אמירה לעכו"ם, הלכות פון ממצוא חפצך, בשר בחלב. מען דארף דאנקען דעם רבונו של עולם אויף**

**דעם, אז דער אייבערשטער האט געגעבן די זכיה, אז מען איז געשטיגן אין תורה און עבודת ה', אז מען קוקט נישט אויס אזוי ווי מען האט אויסגעקוקט פארדעם.**

**דאס** איז דער כלליות פונעם יאר. און כל שכן ווען מען רעדט פון די צוויי חדשים זומער. **אין גם אחד, עס איז נישט דא איינער וואס זאל קענען זאגן, אז ער האט נישט געהאט קיין התעלות אין די צוויי חדשים**, מען איז געווען אפגעזונדערט פון די גאס, אפגעזונדערט פון די וועלט פון אינדרויסן, און זיך געקענט אוועקגעבן פאר תורה און עבודת ה'. **בחורים האבן אויסגענוצט יעדע צייט וואס מען האט געהאט, נישט נאר די צייט פון זמני הלימוד, נאר אפילו שלא בזמני הלימוד, סיי צופרי און סיי ביינאכט, איז מען געזעסן און מען האט עוסק געווען בתורה, פלייסיג געלערנט, און ערליך געדאווענט. אויף אלעם איז מען שולדיג אן הודאה פארן רבונו של עולם.**

**און** כל שכן דאס יאר, **מען האט נישט געגלייבט אז מען וועט קענען אדורכגיין דעם זומער אזוי ווי עס איז. מען איז געווען געגרישט אויף מלחמות און אויף שוועריקייטן וואס עס וועט זיך מאכן אין משך פונעם זומער. אודה ה' מאד בפי ובתוך רבים אהללנו, מיר דאנקען דעם אייבערשטען, אז מען האט אונז נישט געשטערט, מען האט אונז געלאזט מנוחה די צוויי חדשים, און עס איז אדורכגעגאנגען אזוי רואיג מיט אזא דערהויבענקייט. אויף די אלע זאכן דארף מען דאנקען דעם אייבערשטען.**

*

**אבער** דער עיקר דארף מען יעצט א תפלה על העתיד. מען גייט אריין אין די שטאט, א שטאט וואס איז א פארדארבענע שטאט, א שטאט וואס עס איז פול מיט נסיונות! יעדע ריר וואו מען גייט, אז מען געפינט זיך נישט אין בית המדרש, אדער מען געפינט זיך נישט אינדערהיים, ווען מען טרעט ארויס פון שטוב ביז צום בית המדרש, וויפיל נסיונות איז דא אז מען זאל קענען אדורכפאלן. און אויף דעם דארף זיין, תכין לך הדרך, מען דארף האבן א הכנה דערצו. ווען א מענטש פאלט אריין אין א נסיון פלוצלינג, פאלט ער אדורך. אבער ווען ער גרייט זיך צו פאר דעם, ער מאכט זיך א שטיקל סדר, איך גיי אהיים יעצט, ווי אזוי וועט אויסקוקן די פאר טאג וואס מען איז אינדערהיים, ווי אזוי וועט אויסקוקן די וואכען טעג, ווי אזוי וועט אויסקוקן מיינע שבתים, וואו גיי איך זיך דרייען, מיט וועם גיי איך לערנען. ווען מען איז זיך מסדר אלעס פון פריער, דעמאלטס האט מען הצלחה.

**און** אויף דעם דאנקט מען דעם רבונו של עולם, אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די זכיה, אז מיר האבן געקענט זיצן און לערנען און דינען דעם אייבערשטן אין משך פונעם יאר, עס זאל נישט פארשטערט ווערן ווייטער. ווען מען קומט אריין אין די שטאט, זאל מען ממשיך זיין מיט די זעלבע ערליכקייט, מיט די זעלבע קדושה. די תפלות זאלן זיין די זעלבע אזוי ווי מען האט געדאווענט דא, אויסנוצן די צייט אזוי ווי מען האט דא אויסגענוצט די צייט, נישט האבן קיין שום שייכות צו די טעלעפאנען, צו די אלע זאכן וואס די שטאט ברענגט מיט זיך מיט.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן קענען דינען דעם אייבערשטן מתוך שמחה. עס איז טעג פון תשובה ווי מען האט פריער גערעדט, א יוד דארף זיך מתבונן זיין אין דעם חסד ה' וואס דער אייבערשטער טוט מיט אים שטענדיג, וואס דאס דארף מעורר זיין, אז עס פאסט נישט זיך אזוי צו פירן פארן אייבערשטן. די שענסטע יארן וואס מען האט, זאל מען נישט לאזן פארפאלן גיין, נישט לאזן אז עס זאל גיין לאיבוד, נאר אויסנוצן די צייט איבערצו'חזר'ן וואס מען האט געלערנט, און דינען דעם אייבערשטען.

**זאל** דער באשעפער געבן, יעדער איינער זאל קענען צוקומען צו וואס ער וויל צוקומען. דער באשעפער זאל ממלא זיין כל משאלות לבנו לטובה, יעדער האט דאך א שאיפה מיט א רצון צו התעלות, צו שטייגן און צו דינען דעם אייבערשטן, מען זאל עס קענען אויספירן מן הכח אל הפועל. דער באשעפער זאל אונז אלע געבן, א גוט געבענטשט יאר, א לוסטיג יאר, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

כשעה וחצי אחר הבדלה ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** כיבד את

הר"ר **משה יצחק שווארץ** הי"ו לשור ניגון. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק רבי נפתלי צבי מראפשיץ זי"ע** (מתוך הספר י"ג אורות ח"ב). בברכת המזון נתכבד הרה"ג רבי **יואל משה מרדכי** שליט"א.

***וזה תוכן הסיפורים** (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):*

שאל **הרה"ק רבי נפתלי מראפשיץ זי"ע** על הא דאיתא בגמרא (סנהדרין לח:) הראה הקב"ה לאדם דור דור ודורשיו דור דור וחכמיו, מפני מה הראה הקב"ה לאדם גם את הדורות, הלא די להראות לו את דורשיה וחכמיה? הוא מותיב והוא מפרק, שאם היו מראים לאדם הראשון ש'נפתלי' יהיה מנהיג, היה אדם הראשון תופס בראשו, לכן הראה לו מקודם את דורו, ולפי דורו יכול גם הוא להיות מנהיג...

**והוסיף רבינו: מיין טאטע ז"ל** פלעגט נאכזאגען, אז דער **מונקאטשער רב זצ"ל** איז אמאל געווען שבת אין די שטאט שאמלויא, און מען האט אים מכבד געווען צו זאגען א דרשה. מיין טאטע ז"ל איז אויך דארט געווען, ער האט געלערנט דארט. ווען דער **מונקאטשער רב** האט אנגעהויבן די דרשה, האט ער געזאגט, ווי קום איך צו רעדן דא אויף אזא פלאץ ווי דער גדול הדור, אזוי האט ער געזאגט אויפן **שאמלויא'ער רב**, זאגט דא דרשות, אויף זיין פלאץ זאל איך זיך שטעלן און דרש'ענען. זאגט ער, איך האב געזאגט אויף אים אזא גרויסען טיטל, אז ער איז דער גדול הדור, עס שטייט דאך (עירובין יח:) אז נאר מקצת שבחו של אדם בפניו, וכולו שלא בפניו. פאר א מענטש בפניו, זאגט מען נאר מקצת שבחו.

**האט** ער געזאגט, אז די תורה זאגט אויף נח (בראשית ו-ט), נח איש צדיק תמים היה בדורותיו, ער איז געווען א צדיק תמים. שפעטער ווען דער אייבערשטער האט גערעדט צו אים, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה (שם ז-א), און פון דארט לערנט מען אראפ, אז בפניו זאגט מען נאר מקצת שבחו. האט ער געפרעגט, אז דער אייבערשטער זאגט אויף א יוד, אז ער איז א צדיק, כי אותך ראיתי צדיק, דאס איז נאר א מקצת שבחו?! זאגט ער, ניין, אז דער אייבערשטער זאגט אויף א יוד אז ער איז א צדיק, איז עס א גרויסע שבח, אבער דער באשעפער האט צוגעזאגט 'בדור ההוא', אין דעם דור איז ער א צדיק. צו זיין א צדיק אין א דור אזוי ווי עס האט אויסגעקוקט דער דור המבול, דאס איז נאר א מקצת שבחו... זאגט ער, היינט אז מען זאגט אויף איינעם אז ער איז א גדול הדור, ווי אזוי דער דור קוקט אויס, איז דער גדול הדור נישט אזא גרויסער טיטל. - אז מען האט געוויזען פאר אדם הראשון דור דור ודורשיו, אז מען האט געזעהן דעם דור, האט ער געזאגט, אז נפתלי קען דא אויך זיין א מנהיג.

*

פעם בא **הרה"ק מראפשיץ** לעיירה הסמוכה ליערעסלאוו, והיה שם יהודי שנחלה במחלת הלעהמונג ל"ע, ולא היה יכול לזוז ממקומו. ולפי עצת ידידיו השכיבוהו על גשר קטן של עץ, מקום שהרה"ק מראפשיץ היה צריך לעבור בדרכו לבית המדרש, בתקוה שיכמרו רחמיו עליו, ויהיה לו ישועה. כשהגיע הרה"ק מראפשיץ לשם, רצה לעבור את הגשר, ראה שאיש שוכב שם, וחשב שרוצה להפריע לו מלעבור, והרים הרה"ק מראפשיץ את מקלו לעברו ואמר לו, קום, כי אחרת אכבדך במקל שבידי (שטעל דיך אויף, אז נישט געב איך דיר מיטן שטעקן). והנה לפלא, שתיכף ומיד קם האיש ורץ לביתו. כשנודע להרה"ק מראפשיץ ממחלתו ונושע על ידו, נשאר בביתו שלשה ימים כי התבייש מן הפרסום, כי תמיד היה מסתיר את מעשיו, וכעת נודע כוחו הגדול לכל.

בספר **עשר צחצחות** (מערכת ו אות סב) מביא מהספר **המאור הגדול** שהרה"ק מראפשיץ פירוש, 'כל שיח תדשא ותושיע', כי אם האדם זוכה, אז פועל אפילו בלא תפלה, אלא מדבר דברים בעלמא בינו לחבירו, ואומר האיש הזה צריך לרפואה, ונתרפא תיכף. וכן כל מה שאומר פועל בדברים בעלמא, בלי שום תפלה. וזהו הפירוש, 'כל שיח', אפילו שיחה בעלמא כדרך בני אדם, 'תדשא ותושיע', יהא עושה פירות.

**והוסיף רבינו:** מענין לענין באותו ענין, איך וועל דערציילען א דבר פלא. די וואך איז געווען ביי מיר רבי דוד שענבערגער, פון די וויענער קהלה אין בארא פארק. האט ער מיר פארציילט, אז ער איז אמאל געווען שובבי"ם ביים **סאטמארער רב זי"ע**, אין בית המדרש ביי שלש סעודות. און עס איז געווען א גרויס געשטופעכץ, און דער סאטמארער רב האט זיך אנגעהויבן צו בייזערן, און ער האט געגעבן א קלאפ אויפן טיש, 'ווער עס וויל נישט הערן מיין תורה, זאל זיך געזונטערהייט אויפהייבן און

אהיימגיין'. זאגט ער מיר, עס איז שוין פופציג יאר פון דעמאלטס, און איך האב מיך כל ימי גע'חידוש'ט אויפן סאטמארער רב. ער איז געווען אזא געלאסענער מענטש, און אינמיטן זאל ער זיך אזוי צושרייען, אז ווער עס וויל נישט הערן, זאל זיך געזונטערהייט אהיימגיין.

**זאגט** ער מיר, אז לעצטענס האט אים א שכן זיינער געזאגט, אז ביי זיי אין די משפחה איז דא א קרוב, וואס איז געווען ל"ע שטארק נישט געזונט, און מען האט אים געגעבן א עצה, אז ער זאל גיין צום סאטמארער רב מקבל זיין א ברכה. איז ער אריבער געפארן מוצאי שבת, ער האט נישט געוואוסט פון שובבי"ם, און ער איז געגאנגען צום סאטמארער רב אין שטוב, און ער האט זיך געוואלט געזעגענען. האט מען אים געזאגט, אז דער רבי איז נאך אין בית המדרש ביי שלש סעודות. איז דער יוד אריבערגעגאנגען אין בית המדרש, ער איז נישט געווען א סאטמארער חסיד, און ער קומט אריין, און ער הערט ווי דער סאטמארער רב בייזערט זיך, און ער זאגט, ווער עס איז נישט געקומען אהער הערן, זאל געזונטערהייט אהיימגיין. זאגט ער, איך בין דאך אויך נישט געקומען הערן, איך בין געקומען געבן א קוויטל, און ער האט געזאגט איך זאל געזונטערהייט אהיימגיין, איך הייב מיך אויף און איך גיי אהיים. איך האב דאך באקומען א ברכה, אז איך זאל אהיימגיין געזונטערהייט. וכן הוה, עס איז אים אוועקגעגאנגען די מחלה, און ער איז געזונט געווארן. האב ער אים געזאגט, די מעשה איז אמת, איך בין דארט געווען בשעת ער האט עס געזאגט, און איך האב מיך גע'חידוש'ט פארוואס ער האט געזאגט אזעלכע דיבורים. און יעצט הער איך פון א יוד וואס זאגט אז ער האט זיך אנגעכאפט אין די ווערטער, און ער איז אהיימגעגאנגען געזונטערהייט. - דאס איז כל שיח תדשא ותושיע, אפילו אמאל א צדיק זאגט נאר בדרך שיחה, ער האט נישט געמיינט צו זאגען פאר דעם קראנקען, ער האט געמיינט עפעס אנדערש, אבער סוף כל סוף איז ארויסגעקומען פונעם מויל פון צדיק וואס האט געזאגט גיי אהיים געזונטערהייט, איז ער אהיימגעגאנגען געזונטערהייט.

*

**דער בני יששכר** שרייבט (שבת ח-טז), אז א צדיק קען העלפן אויף צוויי אופנים. אמאל דורך א דיבור, וואס ער וואונטשט אן פאר יענעם. און אמאל דורך תפלה, וואס ער איז מתפלל אויף יענעם. דער חילוק פון דיביידע איז, דער מענטש באקומט א ישועה בכל אופן, סיי אזוי און סיי אזוי, נאר טאמער עס קומט דורך א דיבור, קען נאך צוריקומען שפעטער וואס עס איז געווען פארדעם. די ישועה איז נאר לפי שעה, עס איז נישט קיין ישועה וואס איז א נצחיות. אבער טאמער עס קומט דורך תפלה, איז די ישועה פונעם צדיק א נצחיות.

**דער** הייליגער בני יששכר טייטשט דערמיט צוויי זאכען. איינס, ואני תפלתי לך ה' עת רצון (תהלים סט-יד), אויב עס איז א עת רצון, דארף ער דאך נישט מתפלל זיין, עס איז גענוג א דיבור אליין. פון דעסטוועגן דאך 'ואני תפלתי לך ה' עת רצון', בין איך מתפלל, ווייל דעמאלטס איז 'ענני באמת ישעך', קושטא קאי (שבת קד.), אמת איז א זאך וואס איז א נצחיות, דעמאלטס בלייבט די ישועה אויף שטענדיג.

**און** דער בני יששכר טייטשט אויך דערמיט, וואס מען געפונט ביי שמואל מיט עלי, וואס שמואל איז געווען א מורה הלכה בפני רבו (ברכות לא:), און עלי האט געזאגט אז ער איז חייב מיתה. האט זיין מאמע חנה געזאגט, אז זי האט אויסגעבעטן דאס קינד, מה' שאילתיו. האט עלי געזאגט, איך וועל דיר געבן א אנדערע קינד אנשטאט דעם. האט זי געענטפערט ניין, אל הנער הזה התפללתי (שמואל א א-כז), איך האב מתפלל געווען אויף דעם קינד.

**זאגט** דער בני יששכר, זי האט אים געזאגט, דו קענסט מיר טאקע געבן א אנדערע קינד, אבער דיין קינד קומט נישט דורך תפלה, און אז עס איז נישט דורך תפלה, איז עס נישט א נצחיות, איך ווייס נישט ווילאנג ער וועט בלייבען לעבן. אבער אל הנער הזה התפללתי, אויף דעם קינד האב איך געדאווענט, תפלה דאס איז א נצחיות, דאס קענסטו נישט צונעמען ביי מיר. - כל שיח תדשא ותושיע, א שיח ברענגט אויך א ישועה, א ווארט פון א צדיק ברענגט א ישועה, אבער מען בעהט אז עס זאל זיין תדשא ותושיע, עס זאל נישט זיין נאר א ישועה אויף די מינוט, נאר עס זאל זיין א ריבוי ברכה דערין.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

* * *

**תוכן השיחה בניחום אבלים אצל כ"ק האדמו"ר מניקלשבורג שליט"א, ואחיו הר"ר נפתלי והר"ר ברוך מרדכי לעבאוויטש שליט"א, שישבו שבעה על פטירת אחיהם הר"ר אליעזר דוד לעבאוויטש ע"ה, יום ג' פרשת ראה, כ"א אב העעל"ט:**

**א' מהאבלים:** מען האט געהאט גערעדט פונעם **וואדקערטער רב** (הגה"צ רבי משה מרדכי פאללאק זצ"ל בעמח"ס פרי משה) דעם רב'ס שווער, אז ער איז געווען נאך די מלחמה אין טערעזיענשטאט.

**האדמו"ר מניקלשבורג:** דער רבי (**בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע**) איז געקומען מספיד זיין אין וואדקערט (בפטירת אביו הגה"צ **רבי ישעי' פאללאק זצ"ל** אב"ד וואדקערט), און ער האט מחזק געווען זיין רבנות, ער האט געטייטשט א פסוק.

**רבינו:** והתחזקתם ולקחתם מפרי הארץ (במדבר יג-כ).

**האדמו"ר מניקלשבורג:** יא, היש בה עץ [וברש"י אדם כשר שיגין עליהם בזכותו], אם אין, אז דער צדיק גייט אוועק, דעמאלטס ולקחתם מפרי הארץ, פון די קינדער[א].

**רבי אלי' [פאללאק זצ"ל** אב"ד וואדקערט, אחיו של רבי משה מרדכי זצ"ל] איז געווען באהאלטן טמיר ונעלם ביי אונז.

**רבינו:** אין האלאש?

**האדמו"ר מניקלשבורג:** יא. ער האט געהאט זיין בוידעם דארט וואו ער האט געלערנט יומם ולילה. עס זענען געווען אנדערע אויך וואס האבן זיך באהאלטן דארט.

**הרב נפתלי:** רבי אלי' פלעגט לערנען מיט מיר משלי, מיט א שיינעם ניגון.

צוויי יאר צוריק נישט מער געדאכט, האב איך געהאט פיבער יעדן טאג צווישן פיר און זעקס נאכמיטאג, און אויך צווישן פיר און זעקס פארטאגס, מען האט נישט געקענט טרעפן וואס די אינפעקשא"ן איז, מען האט מיר געפרעגט אין שפיטאל, אין וועלכע דזשאנגע"ל איך בין געווען. ווילאנג מען האט אויסגעפונען, אז די דייטשען האבן פארסמ'ט יודען דארטן, און די סם איז ביז יעצט נישט נתעורר געווארן, די גוף האט עס געפיי"ט, אבער ווען איך בין געווארן שוואכער איז דאס ארויסגעקומען, און פון דעם קומט די פיבער. דעמאלטס אין זייערע צייטען איז נישט געווען קיין רפואה פאר דעם, היינט איז שוין דא, די מחלה האט געהייסען מאוז"ס, ב"ה מען האט אויספרובירט די רפואה.

**רבינו:** עטס זענטס נישט געווען אין וויען ביי די קריג? [וויענער ניישטאט], דארט איז אויך געווען די זאכען?

**הרב נפתלי:** יא.

**רבינו:** דארט האט דאך געהייסען מער ווייניגער רוהיגער.

*

**הרב ברוך מרדכי:** ווי אזוי פירט מען זיך לגבי די ברכת אבלים וואס עס שטייט אין די גמרא (ברכות מו:) און אין **שלחן ערוך** (יו"ד סימן שעט)?

**רבינו:** בפשטות דארף מען צו מאכען די ברכה, וואס איז די שאלה?!

**הרב ברוך מרדכי:** איך האב געזעהן אין די ליקוטים שרייבען זיי, אז עס שטייט טאקע אין די פוסקים, אבער פון דעסטוועגן דאך אין נוהגין כן.

**רבינו:** פונעם מנהג העולם איז נישט קיין ראיה, וויל עס איז נישט געשטאנען אין די סידור'לעך, און מען האט נישט געקענט די נוסח, מען האט געדארפט אפיר נעמען דעם שלחן ערוך צו קענען דעם נוסח.

---

[א] ראה לעיל שיחת קודש יום ב' פרשת שופטים בסיפור הדברים. ובמסיבת לחיים ביומא דהילולא כ"ז אב תשע"ט לפ"ק, הוסיף **רבינו שליט"א:** דער **סאטמארער רב** האט גוט געקענט מיין שווער, וויל ווען דער סאטמארער רב איז געקומען אויף זענטא, פלעגט ער איינשטיין ביי רבי ישראל פאללאק, ער איז געווען א תלמיד חכם און א איש מכובד, און מיין שווער איז געווען דארט א איידעם (בזוו"ר), ממילא האבן זיי זיך געקענט. זעהט אויס אז ער האט געוואלט מכיר טובה זיין פאר דעם רבי ישראל, איז ער געקומען צו די לויה.

עס איז געווען א יוד אין וואדקערט וואס האט געהייסען רבי יעקב אהרן דייטש, [ער האט שפעטער געוואוינט דא אין וויליאמסבורג]. און ווען דער סאטמארער רב איז געווען אין וואדקערט, איז ער געווארן זייער איבערגענומען פונעם סאטמארער רב. דער סאטמארער רב וואו ער איז געגאנגען, האט ער צוזאמגעשטעלט געלט, עס איז געווען אין די קריגס צייט, און ער האט געדארפט געלט. און דער רבי יעקב אהרן האט געהייסען א עושר, איז ער אריין צו אים, און ער האט אים געזאגט, אז ער דארף געלט פאר ארימעלייט. איז ער געגאנגען און ער האט געעפענט זיין סעי"ף, און ער האט געזאגט, דער רבי קען נעמען וויפיל מען וויל. האט אים דער סאטמארער רב געפרעגט, צו עס איז גע'מעשר'ט, האט ער געזאגט, יא. איז ער געגאנגען און ער האט אפגעציילט די גאנצע געלט וואס איז געלעגן דארט, און ער האט גענומען צען פראצענט. – א השגה פון א בעל הבית, און דאס דזשענטע'למענקייט פונעם סאטמארער רב אויך, ער האט געוואוסט ווי איין און ווי אויס.

**הרב ברוך מרדכי:** דער ברודער דער **סערדאהעלער רב** איז דא געווען, האט ער געזאגט די זעלבע זאך, וואס הייסט אין נוהגין כן, עס שטייט אין שלחן ערוך. דער וואס פירט זיך אזוי ווי עס שטייט אין שלחן ערוך, טוט זיכער גוט. – עס זענען דא וואס זאגען אז נאר ווען עס איז דא מנין זאל מען זאגן, וועגן דעם פירט מען זיך נישט אזוי. דער ברודער האט געזאגט, אז עס איז דא היינט סידורים וואס עס איז געדרוקט, אינעם תולדות אהרן סידור שטייט עס, די ברודער האט עס געזאגט.

*

**רבינו:** אליעזר דוד איז נישט געזונט געווען לעצטענס?

**האדמו"ר מניקלשבורג:** יא, שוין צוויי יאר איז ער נישט געזונט געווען.

**רבינו:** ער פלעגט אריינצוקומען צו אונז אין בית המדרש אסאך מאל, ער האט געדאווענט פארן עמוד. קבלת שבת האט ער געדאווענט מערערע מאל. ער איז געווען א פיינער בעל תפלה.

**הרב ברוך מרדכי:** ער האט פארלוירען נעבען א זון פאר פופצן יאר צוריק, האט מען אים דעמאלטס געמוטשעט אז ער זאל אים לייגען אין מאנרא, דארט קומט דער עולם, און ער האט בשום אופן נישט געוואלט. מען האט פרובירט אים צו משכנע זיין, האט ער מיר געפרעגט אזוי, דיינע קינדער גייען אמאל צו אונזערע עלטערן'ס ציון? מיין טאטע און מאמע ליגן אין לאנג איילענד. האב איך געזאגט, ניין. זאגט ער, איך האב צוויי שוועסטער'ס וואס ליגן דארט, און זייערע קינדער גייען יא. ווען זיי גייען צו די עלטערנ'ס יארצייט, גייען זיי צום זיידען אויך. זאגט ער, אז איך וועל לייגען מיין זון דארט, וועל איך דאך אויך ליגן אין מאנרא, וויל איך נישט ליגען אין מאנרא, איך וויל אז מיינע קינדער און אייניקלעך זאלן געדענקען אז זיי האבן געהאט א זיידען מיט א באבען, און זאלן גיין צו זייער ציון.

אויסער דעם וואס קבורת אבות איז א גרויסע זאך, ושכבתי עם אבותי (בראשית מז-ל), אויף דעם שטייט (שו"ע יו"ד ריש סימן שסג) אז מען מעג מפנה זיין, צו פירן צו קבר אבות, אבער חוץ פון דעם, איז דאס א מצוה פון כבד את אביך ואת אמך (שמות כ-יב). איך האב געזאגט ביים הספד, אז עס שטייט אין די גמרא (קידושין לא:) מכבדו בחייו ומכבדו במותו. דא איז דער פשט כפשוטו, ווען ער איז געשטארבען איז ער נאך אלץ מקיים מצות כיבוד אב ואם, עס איז א מצוה ממושכה. ווילאנג ער ליגט דארט, האט ער די מצוה פון כיבוד אב.

**רבינו:** יא, עס זאל אים זיין א זכות, צדק לפניו יהלך, די זאכען קומען אקעגן.

ווען איז דער טאטע אוועק?

**הרב ברוך מרדכי:** ער איז אוועק תשי"א, איך הייס שוין נאך אים, איך בין געווען דריי טאג אלט ווען ער איז אוועק, דער רבי [**הרה"ק מסאטמאר**] האט אויף מיר געמאכט די ברכה להכניסו בבריתו של אברהם אבינו.

**הרב נפתלי:** איינמאל אין לעבן, מיט א גרויס התרגשות, ער האט שיעור נישט אראפגעלאזט דאס קינד [בהיותו סנדק], ער האט אויפגעהויבןביידע הענט ביי די ברכה.

**הרב ברוך מרדכי:** די רעבעצין [הרבנית מסאטמאר ע"ה] האט מיר פארציילט אין די שפעטערע יארן נאך מיין חתונה, אז דער רבי האט געבעטן, אז עס שטייט דאך (סנהדרין יט:) המגדל יתום בתוך ביתו, מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו, אז זי זאל קעי"ר נעמען נאכען ברית, די מאמע איז נאך געווען אין שפיטאל. האט זי געזאגט פארן רבי'ן, אז זי איז מסכים, אבער דער רבי זאל בעטן מיין מאמע, אז זי זאל אים אינגאנצן אוועקגעבן. אז דער רבי קען דאס פועל'ן, נעמט זי דאס קינד. האט דער רבי געזאגט, איך קען נישט זיין אזא אכזר, צו בעטן פון א אלמנה, וואס האט יעצט פארלוירן דעם מאן, אוועקצוגעבן דאס קינד וואס הייסט נאך איר מאן...

**וניחם רבינו:** המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים, אפגעהיטען ווערן פון צער, מען זאל הערן נאר גוטע בשורות. עס איז היינט דעם **בעלזער רב'ס** יארצייט, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.